STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13617

FUN FINSTERNISH TSU LIKHT

Noah Gris

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח גריס

פון פינצטערניש צו ליכט

ישעיהו שפיגל און זיין ווערק

עסייען

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ד — 1974

NOE GRUSS

FROM DARKNESS TO LIGHT

YESHAYAHU SPIEGEL AND HIS WORK

Essays

Publishing House „Israel-Book"
P.O.B. 1777

נ ח ג ר י ס

פון פינצטערניש צו ליכט

עסייען

פאַרלאַג „ישראל־בוך" תל־אביב, איתמר בן־אבי 4

©

Printed in Israel 1974 נדפס בישראל
כל הזכויות שמורות

דפוס „ארזי", תל־אביב

אין געדענקשאַפט פון
ראָזען און אונדזערע קינדער
דאַנקאַ און יעקב
פאַרפייניקטע דורך די נאַציס
אין האָשטש, וואָלין

די עסייען־זאַמלונג איז דערשינען מיט דער הילף פון אַ גרופּע לאָדזשער, פריינד פון דער ייִדיש־ליטעראַטור און פון זייער בן־עיר — דעם שרייבער, דיכטער און עסייִסט ישעיהו שפּיגל.

אינהאַלט

ישעיהו שפּיגל — ביאָגראַפישע נאָטיץ און ביבליאָגראַפיע 9

א. דער זעלטענער דערציילער פון חורבן 15

ב. „מלכות־געטאָ" — דאָס ערשטע פּראָזע־בוך נאָך חורבן־פּוילן . . 25

ג. געהייליקטע „אומריינקייט" 30

ד. צו דער גענעזע פון זיין ליד און נאָוועלע 33

ה. דער ווידערשטאַנד־גייסט אינעם ראָמאַן „פלאַמען פון דער ערד" . . 40

ו. צווישן חורבן און ווידער־געבורט 54

ז. אין פאַרכישופטן קינדערלאַנד 67

ח. עסייען־מעדיטאַציעס וועגן פאַרשטאָרבענע שרייבער 81

ישעיהו שפיגל

ביאָגראַפישע נאָטיץ

ישעיהו שפיגל איז געבוירן ד. 14טן יאַנואַר 1906 אין אָרעמסטן קוואַרטאַל פון דער פוילישער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש — אין באַלוט. זיינע עלטערן, אָפּשטאַמיקע פון די קליינע שטעטעלעך מאָגעלניצע און לענטשיץ, זיינען פרי אַריבער קיין לאָדזש און געוואָרן האַנט־וועבער. וועגן זיינע עלטערן שרייבט ישעיהו שפיגל אַליין אין אַ פאַרעפנטלעכטער ביאָגראַפישער נאָטיץ צו זיין בוך „ליכט פונעם אָפּגרונט" (ציקאָ־פאַרלאַג 1952): „מיין פאָטער און מוטער זיינען געווען פון די זויבערע, עניוותדיקע, טרייע און תמיד פאַרפלאָגטע פאָלקסמענטשן. זייער אָרעם, גוט ליכט האָט באַלויכטן מיינע קינדער־און־הונגער־יאָרן מיטן אומפאַרלעשבאַרן כּישוף און חן פון דער ייִדישער פאָלקס־נשמה".

ישעיהו שפיגל האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג: חדר, תלמוד־תורה, שפּעטער פאָלקסשול און מיט אייגענע כוחות — מיטלשול און אויך פּעדאַגאָגישע בילדונג. ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה — געווען לערער פון ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור אין די ציש״אָ־שולן פון אַמאָליקן פּוילן.

פון 1922 פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען און עסייען אין דער ייִדישער פּרעסע, בעיקר אין לאָדזש. אָנגעהערט צו דער גרופּע פון לאָדזשער „יונג־ייִדיש". אין 1930 איז דערשינען זיין ערשט בוך לירישע לידער „מיטן פּנים צו דער זון". בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען קרוב 5 יאָר אין לאָדזשער געטאָ, שפּעטער — אוישוויץ־בירקענאַו און אין אַנדערע דייטשע אַרבעט־לאַגערן. די עלטערן, דריי שוועסטערן — אומגעקומען אין אוישוויץ, כעלמנאָ און שטוטהאָף. זיין איינאיינציק טעכטערל — אויסגעגאַנגען פון הונגער אין לאָדזשער געטאָ. זיין פרוי — אומגעקומען אין קאָנצ־לאַגער שטוטהאָף.

אין משך פון די געטאָ־יאָרן האָט ישעיהו שפיגל פיל געשאַפן. בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע (אויגוסט 1944) פאַרגראָבט ער די געטאָ־שאַפונגען אין אַ קעלער. נאָך דער באַפרייונג האָט ער זיי טיילווייז אָפּגעזוכט. די ביכער, לידער און פּראָזע, זיינען שפּעטער דערשינען אין: פּוילן, פראַנקרייך, אַרגענטינע, אַמעריקע און מדינת ישראל.

בעת די יאָרן 1945־48 געווען לערער אין דער י. ל. פּרץ־שול אין לאָדזש.

1950־1948 — סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין פוילן און מיטרע־דאַקטאַר פון די וואַרשעווער „יידישע שריפטן".

ישעיהו שפיגל איז עולה קיין מדינת ישראל אַנהייב 1951 מיט זיין פרוי, מגר. פילאָסאָפיע און גימנאַזיע־לערערין שאַרלאָטע, געב. טיטעל, אַן אָפּשטאַמיקע פון לעמבערג. אין מדינת ישראל איז ישעיהו שפיגל געווען באַשעפטיקט איבער 12 יאָר אַלס אַ מדינה־באַאַמטער. מחמת קראַנקייט — פריצייטיק אַרויס (אין יאָר 1964) אויף עמעריטור.

ביז איצט זיינען דערשינען זיינע פאָלגנדיקע ביכער:

מיטן פנים צו דער זון, לידער (פאַרלאַג „אַלפאַ", לאָדזש, 1930).

מלכות געטאָ, נאָוועלן, (פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, 1947).

שטערן איבערן געטאָ, נאָוועלן (פאַרלאַג ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק ביי דער אָרגאַניזאַציע פון פוילישע יידן אין פראַנקרייך, 1948).

מענטשן אין תהום, נאָוועלן (פאַרלאַג „איקוף", בועגאָס איירעס, 1949).

און געוואָרן איז ליכט, לידער (פאַרלאַג „ייד. בוך", וואַרשע, 1949).

ליכט פונעם אָפּגרונט, נאָוועלן (פאַרלאַג ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוו. ייד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1952).

ווינט און וואָרצלען, נאָוועלן, (פאַרלאַג אַלוו. ייד. קולטור־קאָנגרעס, 1955).

די בריק, נאָוועלן (פאַרלאַג י. ל. פרץ, ת"א, 1963).

שטיגן צום הימל, ראָמאַן, (פאַרלאַג י. ל. פרץ, ת"א, 1966).

פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן, (פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1966).

געשטאַלטן און פראָפילן, ליט. עסייען, באַנד איינס, (פאַרלאַג „המנורה", 1971).

די קרוין, נאָוועלן, (פאַרלאַג „ישראל־בוך, 1973).

אין עברית:

מלכות גיטו, סיפורים (תרגם: א. ד. שפיר, מבוא: דב סדן, הוצ' קיבוץ המ־אוחד, 1952).

ערומים בטרם שחר, רומאַן (תרגם: א. ד. שפיר, הוצ' ספרית פועלים, 1968).

אור מעמקי תהום, ל"ו ספורי השואה (תרגם: א. ד. שפיר, ב. טנא, הוצ' י. ל. פרץ, 1969).

מדרגות אל השמים, רומאַן, (הוצ. עם עובד, ספריה לעם, 1970).

הגשר, ספורים (תרגם נפתלי גינתון, דערשיינט סוף 1973, ספרית הפועלים).

זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן דורך די העברעיִשע דיכטער: עזרא ווסמאַן, אברהם שלאָנסקי, אברהם רעגעלסאָן, שמשון מלצר א. אַ.

אין פראַנצייזישער איבערזעצונג:

Les Flammes de La Terre, Editions Gallimard, 1973, traduit: Rachel Ertel.

פאַרטרעטן אין די פאָלגנדיקע אַנטאָלאָגיעס מיט לידער אָדער פראָזע:
וואָרצלען, פאַרלאַג „ישראל־בוך" (צונויפגעשטעלט אריה שמרי, 1966).
על נהרות (ערך ותרגם שמשון מלצר, מוסד ביאליק, ירושלים, 1956).
מכאן ומקרוב, (צונויפגעשטעלט מ. חלמיש, ספרית פועלים, 1966).
ספר מלחמות הגיטאות, (ערוך בידי יצחק צוקערמאַן, משה בסוק, הוצ. הקיבוץ המאוחד, בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון, 1954).
חורבן, (צונויפגעשטעלט: א. זאַק, י. רוזשאַנסקי, אַרגענטינע, 1970)
— A Treasury of Yiddish Stories, Edited by Irving Howe and Eliezer Greenberg, The Viking Press, New York, 1954.
— Great Jewish Short stories, Edited and introduced by Saul
— Bellow, Dell Publishing Co., New York 1963;
— A Treasury of Yiddish Poetry, Edited by Irving Howe and Eliezer Greenberg, Holt-Rinehart and Winston, New York, Chicago, San Francisco, 1969;
— Le Miroir d'un Peuple, Anthologie de la poèsie Yiddish (1870-1970) Charles Dobzynski, Edition Gallimard, Paris;
— Le Luth Brisé, Poems du Ghetto, des Camps, de la Revolte et de la survie, Irene Kanfer, Paris;
— "Rozinki a Mandle" wibor ze iddish powidek, Jacob Markovic — "Odeon", Praha 1968;
— Meesters der Yiddishe Vertel Kunst, L. Fuks, Y.M. Meulenhoff, Amsterdam, 1959;
— Jiddische Geschichten aus aller Welt, Hermann Hakel — Horst Erdmann Verlag, Tübingen und Basel, 1967;
— Der Fiedler vom Getto, Yiddische Dichtung aus Polen, Hubert Witt, Vorvort: Ber Mark, Claassen Verlag, Hamburg und Disseldorf, 1971;
— Der Fiedler vom Getto, Jiddishe Dichtung aus Polen, Verlag Philip Reclam, 1966;
— Die Neue Hagada, Israel-Anthologie, Hermann Hakel, Horst Erdmann Verlag, Tübingen, 1972;
— Meine Jüdischen Augen, Hubert Witt, Verlag Philip Reclam, jun. Leipzig, 1969;

ישעיהו שפּיגל האָט באַקומען ביז איצט פאָלגנדיקע ליטעראַרישע פּרעמיעס:

קעסל־פּרייז, מעקסיקע, 1952 (פאַרן בוך „ליכט פונעם אָפּגרונט")

בימקאָ־פּרעמיע, 1953 (פאַר דער נאָוועלע „דער פליִענדיקער הירש" — ג. קייט, נר. 18).

פּרעמיע פון אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך, 1955 (פאַרן בוך „ווינט און וואָרצלען").

פּרעמיע פון ייִד. פּ. ע. נ.־צענטער, ניו־יאָרק, 1966 (פאַרן ראָמאַן „שטיגן צום הימל").

געניע־לעווי־פּרעמיע, תל־אביב, 1968 (פאַרן בוך „פלאַמען פון דער ערד").

איציק־מאַנגער פּרעמיע, 1972 (פאַר זיין כוללדיק שאַפן אַלס פּראָזאַיקער, דיכטער און עסייִסט־קריטיקער).

ביבליאָגראַפיע

וועגן שאַפן פון ישעיהו שפּיגל איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל קריטישע אָפּרופן — רעצענזיעס פון איינצלנע ביכער און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון זיין ווערק. אין דער דאָזיקער עסייען־זאַמלונג זיינען מיר געווען אין שטאַנד צו באַריקזיכטיקן בלויז אַ קליינעם טייל פון די פאַרעפנטלעכטע קריטישע אָפּרופן.

י. גלאַטשטיין	אין תוך גענומען, עסייען, פאַרלאַג: ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, נ. י. 1956;
י. גלאַטשטיין	אין תוך גענומען, פאַרלאַג „קיום", ב. איירעס, ב. 1, 1960;
י. גלאַטשטיין	אויף גרייטע טעמעס, עסייען, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א, 1967;
שלמה ביקל	שרייבער פון מיין דור, דריטער באַנד, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1970;
דב סדן	בינה בחשכה, — הקדמה צום בוך „מלכות גיטו", הוצ. קבוץ המאוחד, 1952;
דב סדן	בין להבות ושלבים — הקדמה צום בוך „אור מעמקי תהום", ל"ו ספורי שואה, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1969;
דב סדן	אבני מפתן, מסות, הוצ. י. ל. פּרץ, 1972;
י. ח. בילצקי	מסות בשבילי ספרות יידיש, חלק ב', הוצ. גזית, 1963;
י. ח. בילצקי	אימה גדולה וכתר „מעריב", 4.5.73.
א. סוצקעווער	„די גאָלדענע קייט", נר. 55, 1966;

ש. ניגער — שטערן איבערן געטאָ, 14 נאָוו. 1949, „דער טאָג".
ישעיה טרונק — לאָדזשער געטאָ, ייִוואָ, 1962;
ג. קרסל — י. שפּיגל ו„מלכותו" ב„גבעתיים" — בטאון עירית גבעתיים, 1965;
דר. א. מוקדוני — „קולטור און דערציִונג", פעברואַר 1955;
זלמן רייזען — לעקסיקאָן פון דער ייִד. ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ווילנע, 1927, באַנד צוויי;
דר. וו. גליקסמאַן — „דער וועקער", נ. י. דעצ. 1967;
דר. דוד ספאַרד — שרייבער און ביכער, לאָדזש, 1949;
ע. פאַרשלייסער — אויף שרייבערישע שליאַכן, קריטישע עסייען, ניו־יאָרק, 1958;
י. בראָנשטיין — פרייד פון יצירה, פאַרלאַג „המנורה", 1968;
מ. גראָס־צימערמאַן — אינטימער ווידעראַנאַנד, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1964;
א. ליס — היים און דויער, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960;
ל. פינקלשטיין — פדיון השם, עסייען, 1948;
חיים קרול — אַרום זיך, עסייען, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1930;
ז. קאַזשדאַן — אונדזער צייט, ניו־יאָרק, מײַ 1953;
א. וו. יאַסני — די געשיכטע פון ייִדן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דײַטשער אויסראָטונג, ב. איינס, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960;
יוסף פרידלענדער — ל"ו סיפורי שואה, „מעריב", 11.7.69;
איזה פרליס — ממחוז הילדות, „על המשמר", 20.2.70;
רבקה כהן — בלי מלכות — כתר, „על המשמר", 3.5.67;
ל. דאָמאַנקעוויטש — לאָדזש של מעלה אין י. שפּיגלס קינסטל. תיקון „אונדזער וואָרט", 25.6.66;
י. צ. שרגל — „די בריק" לי. שפּיגל, „על המשמר", 11.10.63;
כיל אַראָן — דער געטאָ־ראָמאַן פון ישעיהו שפּיגל, „פרייע פּרעסע", פּאַריז, 29.10.66;
יוסף אָקרוטני — ליטעראַרישע עסייען פון י. שפּיגל, „די פּרעסע", ב. איירעס, 3.9.71;
באָרווין־פרענקעל — געשטאַלטן און פּראָפילן, „אונדזער שטימע", נר. 180, דעצ. 1971;

Guy Le Clec'h — Le Violon Sous la Botte, Le Figaro 17.3.1973.
Sol Liptzin, A History of Yiddish Literature, Jonathan David Publishers, N.Y. 1972;

א

דער זעלטענער דערציילער פון חורבן

ווען מען האָט אין מדינת ישראל געפייערט אין יאָר 1966 ישעיהו שפּיגלס 60סטן געבוירנטאָג, האָט שלמה ביקל, איינער פון די באַטייטיקסטע עסייִסטן פון אונדזער צייט, באַגריסט דעם יובילאַר מיט פּאָלגנדיקע ווערטער: „עס איז נישט בלויז שפּיגלס יום־טוב, נאָר אויך באמת אַ גרויסער יום־טוב פאַרן יידישן וואָרט. וואָרעם ישעיהו שפּיגל איז היינט־צו־טאָג איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פּראָזע־מייסטער אין דער יידישער ליטעראַטור. הינטער שפּיגלס דערציילונגען מיט זייער לירישן ציטער פון סיפּור המעשׂה און מיט זייערע וווּנדערלעכע נאַטורגעמעלן, שטייט אַ שרייבערישע פּערזענלעכקייט מיט אַן אַליין פאַרהאָרעוועטן בליק אויף לעבן, אויף מענטשן און אויף באַציִונגען צווישן מענטשן". (ש. ביקל, „שרייבער פון מײַן דור", באַנד 3).

אין דער דאָזיקער באַגריסונג איז געזאָגט געוואָרן דער עיקר. זייט דעמאָלט זיינען פאַרביי נאָך אַ פּאָר יאָר, בעת וועלכע ישעיהו שפּיגל האָט ווייטער געשאַפן, און אויב ביז דעמאָלט האָט ער געהאַט באַקומען עטלעכע, ערלעך פאַרדינטע, ליטעראַרישע פּרעמיעס, האָט ער אין 1972 באַקומען נאָך איינע, די דערהייבנדיקסטע, וואָס אַ יידישער שרייבער קאָן דערוואַרטן: די זייער חשובֿע מאַנגער־פּרעמיע.

ישעיהו שפּיגל איז אויך הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן נישט בלויז אין יידיש און עבֿרית. זיינע באַזונדערע דערציילונגען און לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין מערערע שפּראַכן און אַריינגענומען אין פאַרשיידענע אַנטאָלאָגיעס. דער גרויסער, אָנגעזעענער פראַנצייזישער פאַרלאַג גאַלימאַר איז צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן זיינע עטלעכע פּראָזע־

ווערק. אָנהייב 1973 איז דערשינען זיין ראָמאַן „פלאַמען פון דער ערד" אין דער שיינער איבערזעצונג פון רחל ערטעל. די ווייטערדיקע ווערק דאָ פּן זיין: דער ראָמאַן „שטיגן צום הימל" און אַ באַנד געטאָ־נאָוועלן.

ביי אונדז, אין פראַנקרייך, ווו דער שרייבער האָט זיך אויפגעהאַלטן, נאָך אַ קוראַציע אין דער שווייץ, אין האַרבסט 1972, איז ער ווייניקער באַקאַנט ווי אין מדינת ישראל, ווו ער לעבט און שאַפט זינט 1951 און ווו עס דערשיינען זיינע ביכער אין ייִדיש און אויך אין דער העברעיִשער איבערזעצונג. הגם מען מוז זאָגן, אַז אויך אין פראַנקרייך, און נישט בלויז דאָ, נאָר אויך אין דער גאַנצער ייִדיש־וועלט, ווו ס'איז נאָר פאַראַן דער אָפּנעמער פון ייִדיש־שאַפן, זיינען די ווערק פון ישעיהו שפיגל גוט באַקאַנט און פאַרנעמען אַ גאָר הויכע פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אַן אינטערעסאַנטן אינטערוויו מיט ישעיהו שפיגלען פון אַ יונגן העברעיִשן שרייבער צי זשורנאַליסט יצחק לבטוב אין דער צייטונג „למרחב" (2.4.1971). ער שרייבט, אַז זייענדיק אַ סאַברע האָט ער זיך נישט שטאַרק געריסן צו לייענען די ייִדיש־שרייבערס. אָבער ווען ער האָט זיי יאָ געלייענט אין איבערזעצונגען און געזען זייערע נעמען אויך אין ענגלישע אַנטאָלאָגיעס, האָט אים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: אויב זיי, די ייִדישע שרייבערס, זיינען גוט פאַר פרעמדע, זיינען זיי אַוודאי און אַוודאי אויך גוט פאַר אונדז...

כּדי זיך צו פאַרבינדן מיט ישעיהו שפיגלען האָט ער אָנגעפרעגט ביים אַמעריקאַנער רעדאַקטאָר פון אַן אַנטאָלאָגיע וועגן שפיגלס אַדרעס. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זיי ביידע וווינען גאָר אין שכנותדיקע גאַסן. און דער העברעיִשער שרייבער גיט צו: „ואני לא ידעתי!" — טייטש: „און דאָס האָב איך נישט געוווּסט".

דער „אני לא ידעתי" איז כאַראַקטעריסטיש און סימבאָליש.

כאַראַקטעריסטיש, ווייל לבטוב איז נישט דער איינציקער, וואָס זוכט אין חצות די זון. סימבאָליש, ווייל מיר זעען, אַז גוטע ליטעראַטור שלאָגט זיך פריִער צי שפּעטער דורך אַ וועג צום ערנסטן לייענער.

וועלנדיק דערנענטערן ישעיהו שפיגלען ווי אַ שאַפער צום לייענער

דאַרפֿן מיר געבן ענטפֿערס אויף די פֿאָלגנדיקע פֿיר פֿראַגן: ווער איז ישעיהו שפּיגל? וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פֿאָר זיין שאַפֿונג? וועלכער איז זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור? וואָס פֿאַר אַן אָרט פֿאַרנעמט ער אין דער יידישער ליטעראַטור?

מיר וועלן זיך באַמיִען, לויט אונדזערע מעגלעכקייטן, צו געבן באַשייד.

ווער איז ישעיהו שפּיגל? וועגן זיינע קינדער־יאָרן אין לאָדזשער אָרעמען באַלוט האָט ער אָנגעשריבן אַ ווונדערלעך אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק „שטיגן צום הימל", וואָס איז זיך אין דער העברעיִשער איבער־זעצונג פֿונאַנדערגעגאַנגען אין קרוב 30.000 עקזעמפּלאַרן. פֿון דאָזיקן בוך, ווי אויך פֿון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע" (דערשינען אין יאָר 1927), דערוויסן מיר זיך אַז ישעיהו שפּיגל איז אַ קינד פֿון דער יידישער באַלוטער אָרעמקייט. בלויז אַדאַנק זיין שטאַרקן ווילן האָט ער באַוויזן שוין בעת זיין רייפֿער יוגנט אין אַ געוויסער מאָס צו שטילן זיין דאָרשט נאָך וויסן. ער איז געוואָרן אַ לערער אין אַ יידיש־שול.

זיין דראַנג צו שאַפֿן ווערט באַווירקט דורך דער אַטמאָספֿערע, וואָס האָט געהערשט אין הויז פֿונעם יידיש־העברעיִשן פּאָעט יצחק קאַצע־נעלסאָן. דאָרט טרעפֿט ער זיך מיט דיכטערס און שרייבערס, צווישן אַנ־דערע מיט י. י. טרונק. זעלטן־פּרעכטיקע, מיט וואַרעמע קאָלירן געמאָלענע געשטאַלטן פֿון יענער תקופה געפֿינען מיר אין זיין ערשטן באַנד ליטעראַרישע עסייען „געשטאַלטן און פּראָפֿילן" (דערשינען 1971), וואָס פֿאַרמאָגן אויך פֿיל אויטאָביאָגראַפֿישע עלעמענטן. דאָס עסייען־בוך „געשטאַלטן און פּראָפֿילן" וועלן מיר באַזונדער באַהאַנדלען.

פֿון אַ קורצער ביאָגראַפֿישער נאָטיץ ווייסן מיר, אַז בעת עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה ווערט ישעיהו שפּיגל פֿאַרשפּאַרט אין לאָדזשער געטאָ, ווו ער פֿאַרבלייבט ביזן סוף. אין אויגוסט 1944, בעת דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ, ווערט ער טראַנספּאָרטירט קיין אוישוויץ. פֿון דאַנען ווערט ער איבערגעפֿירט קיין דייטשלאַנד אין אַרבעט־לאַגערן, ווו ער ווערט באַפֿרייט דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי אָנהייב מיי 1945.

אין יוני 1945 קומט ישעיהו שפיגל צוריק קיין לאָדזש, ווו ער אַרבעט אַלס לערער אין דער ניי־געשאַפענער יידישער פרץ־שול. 1951 פאַרלאָזט ער פוילן, כּדי זיך צו באַזעצן אין מדינת ישראל. דאָ אַרבעט ער אויף אַ רעגירונג־שטעל, ביז ער גייט פּריציייטיק אַוועק אויף עמעריטור.

נאָכן אויסשעפּן די ערשטע פראַגע זע איך, אַז זי איז נאָך נישט פולשטענדיק פאַרענטפערט. מיר האָבן ביז איצט גערעדט בלויז וועגן טרוקענע ביאָגראַפישע פאַקטן. אָבער אַ מענטש, און בעיקר אַ קינסטלער, לאָזט זיך דערקענען דורך זיינע מעשׂים און ווערק. מוזן מיר דעריבער ענטפערן אויף דער צווייטער פראַגע, כּדי אויך די ערשטע זאָל זיין פאַר־ענטפערט.

מיט איבער 50 יאָר צוריק, אין יאָר 1922, האָט דער דעמאָלט 16־יע־ריקער ישעיהו שפּיגל, אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע לירישע לידער אין אַ לאָדזשער צייטונג. אין בוכפאָרעם איז זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „מיטן פּנים צו דער זון" דערשינען אין יאָר 1930.

ישעיהו שפּיגל ווי אַ דיכטער שטרעבט אַקעגנצוגיין צו דער זון, וויסנדיק וויפל שוועריקייטן, וויפל צער ער וועט אָנטרעפן אויפן וועג. די זאַמלונג „מיטן פּנים צו דער זון" ענדיקט זיך מיט אַזאַ סטראָפע:

„אַצינד קאָן קיינער מיך נישט מער פאַרשטיין, אָ גאָט,\
פאַרוואָס איך טראָג די קללה פון אָפּטריניקייט און שפּאָט,\
פאַרוואָס איך בין אַוועקגעגאַנגען פון מיין אָרעמען און\
פראָסטן שטאָט\
און ווי אַ בלינדער, וואָס גייט מיטן פּנים צו דער זון,\
גיי איך אַהין, אַהין, ווו ס'איז קיין פרידן קיין מאָל נישט פאַראַן".

די דאָזיקע סטראָפע איז אַ נביאישע, ווייל נישט רעכענענדיק ישעיהו שפּיגלס אַן איבערזעצונג פון לאָרד בייראָנס „קין", וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" אין יאָר 1939, ערב דעם מלחמה אויסברוך, האָט זיין גאַנצע שאַפונג אין משך פון די מלחמה־יאָרן, און אויך שפּעטער, פאַר אַן עיקר־טעמע די דייטשע אָקופּאַציע, דיליידן פון אונדזער פאָלק בעת די יאָרן פון אומקום.

עס שטעלט זיך די פראַגע: צי קאָן מען ישעיהו שפּיגלס ווערק קוואַ־ליפיצירן ווי אַ צוגעהעריקע צו דער אַזוי גערופענער חורבן־ליטעראַטור?

ישעיהו שפּיגל האָט ס׳רוב פון זיינע דערציילונגען און לידער גע־שריבן אין געטאָ גופא. ער איז דאָרט געווען אויך צווישן די גרינדער פונעם שרייבער־קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער דיכטערין מרים אולינאָווער. צוזאַמען מיט נאָך צוויי שרייבער איז ער געווען אין אַ דעלעגאַציע ביים יידן־עלטסטן רומקאָווסקי, ער זאָל, ווי עס שרייבט ישעיה טרונק אין זיין אַרבעט „לאָדזשער געטאָ״, (אַרויסגעגעבן דורכן יי־וואָ אין 1962): „נעמען אין שוץ אונדזער קליינע ליטעראַרישע משפחה און זי פאַרהיטן פון ווייטערדיקן גע־ונד, בכדי זי זאָל רויִק קאָנען טאָן איר אַרבעט״.

ישעיהו שפּיגל האָט זיין אַרבעט געטאָן. אָבער דער „יידן־עלטסטער״ רומקאָווסקי האָט געפּסלט צוויי וויגלידער פון שפּיגלען, נישט דערלויבט זיי צו זינגען אויף אַ קאָנצערט און אים געדראָט מיט רעפּרעסיעס, ווייל דער דיכטער האָט צווישן אַנדערס געשריבן:

„מאַך צו די אייגעלעך,
אָט קומען פייגעלעך,
און קרייזן דאָ אַרום צוקאָפּנס פון דיין וויג,
דאָס פּעקל אין דער האַנט,
דאָס הויז אין אַש און בראַנד —
מיר לאָזן זיך, מיין קינד, זוכן גליק״.

אָט די ידיעה וועגן פאַרבאָט פון די לידער ברענגט שמערקע קאַט־שערגינסקי אין זיין בוך „לידער פון די געטאָס״.

פאַרן פאַרטרייבן אים קיין אוישוויץ האָט ישעיהו שפּיגל פאַרגראָבן אין אַ קעלער אַלע זיינע שריפטן, געשאַפענע אין געטאָ. דער גורל האָט געוואָלט, אַז צוריקקערנדיק זיך פון גלות דייטשלאַנד, האָט ער אויסגעגראָבן אַ טייל פון די בלעטער און זיי פאַרעפנטלעכט אין אַ זאַמלונג נאָוועלן א. נ. „מלכות געטאָ״. דאָס איז באמת געווען — ווי עס שרייבט יעקב גלאַטשטיין — „אַ מעטעאָריש בוך״ באַלד נאָך דער

צווייטער וועלט־מלחמה. נאָך „מלכות געטאָ" זענען געקומען אַנדערע נאָוועלן־זאַמלונגען ווי: „שטערן איבערן געטאָ", „מענטשן אין תהום", „ווינט און וואָרצלען" און אַנדערע.

די אַלע דערציילונגען, ווי אויך דער געטאָ־ראָמאַן „פלאַמען פון דער ערד" (וואָס מיר וועלן באַהאַנדלען באַזונדער) געהערן נישט, לויט מיין מיינונג, צו דער א. ג. חורבן־ליטעראַטור — אויב מיר לייגן אַריין אין באַגריף „ליטעראַטור" עפּעס מער און גייסטיק־דער־הייבנדיקס, אַזוינס, וואָס עס גיט אונדז די אמתע קונסט. פאַר חורבן־שריפטום, קאָן מען באַטראַכטן, לדעתי, אויסשליסלעך אַזעלכע ביכער, וואָס טראָגן אַ ריין־דאָקומענטאַלן כאַראַקטער ווי: זכרונות, כראָניקעס, גבית עדות, וואָס גיבן איבער די איבערלעבונגען פון אונדזער פאָלק אונטער דער נאַצי־הערשאַפט. צו דעם מין געהערן אויך די הונדערטער יזכור־ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך די לאַנדסמאַנשאַפטן פון די חרובע שטעט און שטעטלעך און די טאָגביכער פון אַננאַ פראַנק, דוד ראַבינאָוויטש, פּרץ גאָלדשטיין, עמנואל רינגעלבלום אאַ"וו.

ישעיהו שפּיגלס דערציילונגען געהערן שוין אָבער צו דער קינסט־לערישער ליטעראַטור אין עקזאַקטן זין פון דאָזיקן וואָרט, הגם פאַר אַ פאָן דינט אים די חורבן־תקופה. די שוידער־יאָרן זיינען פאַר אים בלויז דער היסטאָרישער שטאָף, פון וואָס ער קנעט־אויס זיינע קינסטלע־רישע דערציילונגען. פאַרן שרייבער־קינסטלער איז נישט פאַראַן קיין באַגרענעצונג אין דער טעמאַטיק און ישעיהו שפּיגל וואָלט פיל גליק־לעכער געוועזן ווען דער גורל באַשערט אים מיט אַן אַנדערער טעמאַטיק, וואָרעם דאָס פייער פון שאַפן האָט סיי ווי אין אים געגליט. אַ שריי־בער קאָן אויסוויילן אַלס טעמע מלחמה, ליבע, גורל פון יחידים, משפּחה־באַציִונגען אאַ"וו. אָבער נישט די טעמע דעצידירט וועגן דער צוגע־העריקייט פון בוך צו דער שיינער ליטעראַטור. דאָ קומען שוין אין באַטראַכט גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן פונעם ווערק.

אַזוי אַרום קומען מיר איצט צו דער דריטער פראַגע וועגן ישעיהו שפּיגלס גאַנג אין דער ליטעראַטור. מען האָט פּראָבירט צו פאַרגלייכן ישעיהו שפּיגלען צו אַנדערע שרייבערס ווי: צו די אייראָפּעיִשע נאַטור־

ראַליסטן, צו ביאַליקן, אין שייכות מיט די קינדער־אַנטפּלעקונגען אין זייערע ווערק, צום ענגלישן שרייבער דזשויס און אַנדערע. די אַלע פאַרגלייכן זיינען גאָר נישט בכּוח אונדז אויפצוקלערן. אמת, יעדער שאַפער קאָן פאַרמאָגן באַשטימטע עלעמענטן און אייגנשאַפטן וואָס זיינען אויך אייגן אַנדערע שרייבערס. דאָס וויל אָבער נישט זאָגן, אַז זיי זיינען צו זיך ענלעך. עס זיינען פאַראַן אַלגעמיינע, אָביעקטיווע ענלעכקייטן ווי למשל: באַנוצן ענלעכע אויסדרוקן, קאָנווענציאָנעלע פאַרגלייכן, אימאַזשן, כּדי צו שאַפן די אַטמאָספער פון קונסט — צי הייסט דאָס, אַז די שרייבערס זיינען זיך ענלעך?

ריידנדיק וועגן דער יצירה פון ישעיהו שפּיגל מוזן מיר דערמאָנען זיינע אייגענע, קרישטאָליקע שורות פון זיין עסיי: „די לעגענדע פון דער געטאָ־יצירה", אַז „די מענטשלעכע פּעדער און דאָס האַרץ זיינען נישט בכּוח אויסצוטראָגן און איבערצוגעבן דעם טראַגישן היקף פונעם אומגליק. עס זיינען פאַראַן געשעענישן און אַזעלכע נאַציאָנאַלע קאַטאַ־קליזמען, וואָס שטייגן איבער יעדן מענטשלעכן דמיון. די ליטעראַטור פון דער געטאָ־תקופה, איר סטיל אָדער סטיללאָזיקייט, איר טרייסטנדיק וואָרט אָדער פינצטער שווייגן, איר פאַרשעמט ליכט אָדער גיפטיקער שאָטן — דאָס אַלץ האָט נישט געהאַט קיין שום פאָרגייער, קיין שום „ערשטע", וואָס זאָלן מיט שפּראַך אָדער וויזיע קאָנען עפענען די טויערן פון ייִדישן גיהנום. דער געטאָ־שרייבער האָט דעריבער נישט געקאָנט זיין קיין עפּיגאָן (אונטערגעשטראָכן דורך נ. ג.), וואָרעם דאָס ערשטע מאָל איז דאָ זיין שאַפערישער איך געבליבן שטיין פאַרבליפט און דערשראָקן, פאַרלוירן אין זיין אוממעכטיקייט, אַנטקעגן דעם אומבאַ־שיידבאַרן און איראַציאָנעלן". (פאַרעפנטלעכט אין „ישׂראל־שטימע" 15 יוני 1966).

עס ווערט דערפון קלאָר, אַז ישעיהו שפּיגל לאָזט זיך נישט פאַר־גלייכן צו קיינעם. ער איז אייגנאַרטיק אין זיין אופן פון באַנעמען די וועלט, פון זיין רעאַגירן אויף דערשיינונגען און ממילא — אין זייער קינסטלערישער פאַרווירקלעכונג און אינטערפּרעטאַציע.

מען וואָלט באַדאַרפט אַנאַליזירן אַ גאַנצע ריי עלעמענטן פון ישעיהו

שפיגלס קונסט אויפֿן סמך פֿון זיינע ווערק: די ווונדערלעכע געמאָלטע נאַטורבילדער ווי באַגלייטנדיקע באַשטאַנד־טיילן פֿון זיין סיפּור־ המע־שׂה. דער ריטעם פֿון זיין דערציילן איז אַ באַדאַכטער, אַ פּאַמעלעכער, מיט אַן אינערלעך הארמאָנישער גאַנצקייט, וואָס שפּיגלט־אָפּ דעם שרייבערס געמיט און אַזוי אַרום שאַפֿט ער די שטימונג, אַטמאָספֿער און טעמפּעראַטור ביים לייענער. דאָס בפֿיוונדיקע אויסמיידן ברוטאַלע, דראַסטישע אָדער מאַקאַברישע סצענעס, ווייל זיי אַלע פֿאַרמאָגן אַן אַנטי־הומאַניטאַרן כאַראַקטער און זיינען פֿרעמד ישעיהו שפּיגלען אַלס שרייבער. ער איז דורכויס פֿון זיין נאַטור אַ הומאַניסט. אַנשטאָט צו ווייזן, למשל, ווי מען שיסט אַ מענטשן, באַגנוגנט ער זיך בלויז מיט אַן עכאָ פֿון אַ שאָס, ווי צום ביישפּיל אין דער נאָוועלע „פֿאַרן זונאויפֿ־גאַנג" און אויך אין פֿיל אַנדערע נאָוועלן.

עס בעט זיך ממש אַן אויספּירלעכע שטודיע וועגן דער קינדער־טעמאַטיק אין ישעיהו שפּיגלס געטאָ־שאַפֿן. גענוג בלויז צו דערמאָנען די דערציילונג „וואָס וועט זיין מיטן בוים" (פֿון בוך „ווינט און וואָרצ־לען", ציקאָ, ניו־יאָרק 1954), ווו אַ יידיש קינד זאָרגט זיך וואָס וועט זיין מיטן שאָטן פֿון אַ בוים, וואָס פֿאַלט אויף דער וואַנט פֿון זייער געטאָ־שטוב. בעת דאָס יינגעלע גייט מיט זיינע עלטערן צום אומקום־גורל, לעכצט ער נאָך אַ לעבעדיק געוויקס — זאָל עס אַפֿילו זיין בלויז אַ שאָטן פֿון אַ בוים. נאָר דאָס פֿאַרנעמט דעם קינד זיינע לעצטע מחשבות: די בענקעניש נאָכן בוים און דער גורל פֿונעם בוים־שאָטן. (זע אויך די נאָוועלן „ברויט", „בליעכץ" — א. א., וואָס זייער טעמע איז די קינדערוועלט בעתן חורבן).

ישעיהו שפּיגלס קוק אויף גערעכטיקייט און זיין טיף־מענטשלע־כער, יידישער הומאַניזם איז נישט אויסגעקרומט געוואָרן דורך זיינע פּערזענלעכע גרויל־איבערלעבונגען. להיפּך: דיליידן האָבן אויסגעליי־טערט זיינע געפֿילן און נאָך מער פֿאַראיידלט די דיכטערישע נשמה. מיר געפֿינען אויך אַ גאַנצע גאַלעריע פֿון נישט־יידן אין זיינע ווערק, פּאָלאַקן און דייטשן, וואָס האָבן נישט פֿאַרשעמט דעם מין מענטש מיט זייערע האַנדלונגען. ווי אַ ביישפּיל קאָן דינען די דערציילונג „די

משפחה ליפשיץ גייט אין געטאָ״ (פון בוך „ליכט פונעם אַפּגרונט״ ציקאָ־פאַרלאַג, 1952), ווו מיר באַגעגענען די פוילישע דינסט מאַרי־אַננאַ שיוועק: זי וויל זיך נישט שיידן מיט אירע יידישע באַלעבאַטים, גייט צוזאַמען מיט זיי אין געטאָ אַריין, נייט זיך צו אַ געלן מגן־דוד אויף איר מלבוש און טיילט מיט זיי דעם ביטערן גורל. כדאי אויך צו דערמאָנען די נאָוועלע „אין טירינגער וואַלד״, ווו אַ דייטשע פרוי פאַר־בעט אַן אַנטלאָפענעם „העפטלינג״ צו זיך, וואַשט זיינע וווּנדן, גיט אים ריינע וועש פון איר געפאַלענעם מאַן, לאָזט אים איבערנעכטיקן און צום אָפּשייד גיט זי אים אַ רוקזאַק צוגערויבטע יידישע חפצים און צירונג, וואָס איר זון האָט „מיטגעבראַכט״ פון פוילן. זי קאָן נישט רויק לעבן, וויסנדיק אַז ביי איר אין שטוב געפינען זיך זאַכן, וואָס שטאַמען פון אומריינע קוועלן. ווי אַ לעצטן ביישפּיל איז כדאי צו דערמאָנען די נאָוועלע „קאַלציום״: אַ דייטשער סאָלדאַט — פון די געטאָ־שומרים — באַזאָרגט קאַלציום פאַר אַ שווינדזוכט־קראַנקער פרוי, וואָס געפינט זיך אין געטאָ, ווו דער דאָזיקער מעדיקאַמענט איז נישט בנמצא.

ישעיהו שפּיגלס אַלע דערציילונגען פון חורבן זיינען אינטערעסאַנט און באַלערעוודיק אויך פון ריין־היסטאָרישן. טראַגישן אמת, פונקט ווי עס זיינען אינטערעסאַנט און באַלערעוודיק די הונדערטער אַנדערע ביכער, וואָס שילדערן פאַר אונדז די שוידערלעכע אומקום־תקופה. מיר האָבן אָבער דאָ אַ וועזנטלעכע באַוואָרעניש: הינטער ישעיהו שפּיגלס דערציילונגען געפינט זיך אַ זעלטענער שרייבער, וועלכער איז באַ־שאָנקען מיט אַזאַ פונק, וואָס פאַרוואַנדלט די טראַגישע פאַסירונגען אין גרויסע קינסטלערישע ווערק. די פּשוטסטע געשיכטע אָדער פאַסירונג, באַקומט אין שפּיגלס שילדערונג גאָר אַנדערע אויסמעסטן. ביי אים איז תמיד פאַראַן אַ דינאַמישע, טיפע פילעוודיקייט אינעם סאַמע טראַ־גישסטן — און דעריבער איז אַלץ ביי אים צאַפּלדיק און לעבעדיק, אַפילו ווען סיי די געשטאַלטן און סיי די דוממים — שיינען צו זיין שוין לאַנג טויט און געהערן שוין לחלוטין נישט צו אונדזער ערד.

די קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע דער שרייבער באַנוצט זיך,

זיין וואַרעמע און רייכע שפּראַך, די פּרעכטיקע נאַטור־בילדער, די דערהויבענע געפילן — דאָס אַלץ איז צו געפינען אין יעדער דער־ציילונג זיינער און יעדע דערציילונג פאַרדינט מען זאָל וועגן איר שרייבן באַזונדער.

בלייבט די פּערטע פראַגע, וועגן ישעיהו שפּיגלס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ביז איצט האָט ישעיהו שפּיגל פאַרעפנטלעכט צוויי זאַמלונגען לידער, איין בוך ליט. עסייען און 9 פּראָזע־ביכער. ער איז פון די גאָר געציילטע שרייבערס, וואָס האָט דורכגעמאַכט געטאָ־גיהנום און לאַגער־גיהנום און וועלכער באַזיצט די קינסטלערישע מיטלען צו שילדערן דאָס דאָזיקע גיהנום אויף אַזאַ הויכן ניוואָ.

ס׳איז כדאי לסוף צו דערמאָנען דאָ אַ ציטאַטע פון איינעם פון אונדזערע בעסטע ליטעראַטור־קענער און עסייִסטן־קריטיקער — יעקב גלאַטשטיין, וועלכער ציטירט אַ פראַגמענט פון שפּיגלס אַ דערציילונג אד׳ט „דער ייִד פון בית־עולם״. יעקב גלאַטשטיין פאַרענדיקט זיין עסיי וועגן דער אַ נאָוועלע מיט די ווערטער „אַז דער דאָזיקער פראַגמענט אַליין ווייזט שוין סימנים פון מענטשלעכער און קינסטלערישער גרויס־קייט. ער וועקט אין אונדז אויף אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו די טראַגישע באַדינגונגען, וואָס האָבן אָפּגעראַטעוועט פאַר אונדז אַזעלכע יידישע ווערטער. ווערטער, וואָס וועלן געלייענט ווערן מיט אַ הייליקן ציטער אַזוי לאַנג ווי דאָס ייִדישע פאָלק וועט לעבן״. (אין תוך געזומען, ניו־יאָרק 1956).

די דאָזיקע ווערטער יעקב גלאַטשטיינס וועקן־אויף אין ייִדישן לייענער אַחוץ דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום גורל, וואָס האָט פאַרשוינט דעם מענטשן און שרייבער פון פאַרטיליקונג, נאָר מיר שטייען פאַרבליפט פונעם גרויסן עפּישן כוח, וואָס דער דאָזיקער ניצול־געוואָרענער שרייבער האָט אונדז צוגעטראָגן מיט זיינע געטאָ־נאָוועלן, צוזאַמען מיטן ליכט, וואָס האָט זיך נישט איינגעלאָשן אין דער טיפסטער פינצטערניש בעתן חורבן.

ב

„מלכות געטאָ״ —
דאָס ערשטע פּראָזע־בוך נאָך חורבן־פּוילן

ווען דער בריוווטרעגער האָט מיר אין יאָר 1947 דערלאַנגט אַ קליין ביכעלע מיטן נאָמען „מלכות געטאָ״ פון ישעיהו שפּיגל און כ׳האָב דערזען, אַז דאָס איז פּראָזע, האָב איך דאָס ביכעלע אָוועקגעלייגט אויף אַ געוויסער צייט. ביי מיר האָט זיך געשאַפן אַן אַסאָציאַציע פון לאָדזשער געטאָ, ווו שפּיגל האָט „פאַרבראַכט״ די גאַנצע אָקופּאַציע־צייט און כ׳בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס זיינען זכרונות. אַזוי פיל זיך אָנגעלייענט וועגן געטאָ־קאָשמאַר, אַז כ׳מוז מאַכן אַ קורצן איבעררייס.

איך האָב געקענט שפּיגלען ווי אַ לירישן דיכטער, וועמענס מעלאָדישע לידער ווערן געזונגען דורך די יידישע שול־קינדער און וועמענס נאָמען מען טרעפט גאַנץ אָפט אין די יידישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס.

כ׳האָב גענומען לייענען די ערשטע נאָוועלע „ערד״. איך האָב נישט געוואַרט ביזן דורכלייענען פון גאַנצן בוך און שוין גענומען פאַרצייכענען מיינע איינדרוקן, אויס פּחד איך זאָל נישט פאַרלירן דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס די נאָוועלע האָט אויף מיר געמאַכט.

אָט איז דער אינהאַלט:

אין געדעמפּטע טענער פירט אונדז שפּיגל אַריין אין דער אַטמאָספער פון דער מלחמה. אַ דאָרפס־ייד יאָסי בער וויל נישט אַנטלויפן פאַר די דייטשן. דורות־לאַנג איז זיין משפּחה געזעסן אויף דער ערד. ווען זיין פרוי טרייבט אים, וואָרענענדיק, אַז די דייטשן וועלן אים אומברענגען, ענטפערט ער, אַז פונעם אייגענעם גורל קאָן מען נישט אַנטלויפן. ער פאַרבלייבט אויף אייביק אין דער ערד, צו וועלכער ער איז געווען

אַזוי שטאַרק צוגעבונדן, ווערנדיק אכזריותדיק פאַרפייניקט דורך די דייטשן.

ישעיהו שפּיגל ווייזט אַרויס אַ שטאַרקן עפּישן טאַלאַנט. די איינפאַכע, געמאָסטענע ווערטער, די רויִקע שפּ־אַך פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקן דינאַמיזם אַדאַנק דער פשטות. שפּיגל ברענגט אַרויס אמתן פּאַטאָס פון ליידן נישט דורך אַדיעקטיוון און אויסרופן: דער פּאַטאָס שטעקט אין דער סיטואַציע גופא, אין דער רעאַליסטישער שילדערונג, אין מענערישער וואָרט־קאַרגשאַפט, אין שווייגן.

די קאָנסטרוקציע פון דער נאָוועלע איז אַ דראַמאַטישע. עס זיינען דאָ אָפּגעהיטן געוואָרן אַלע קלאַסישע כללים פון דראַמאַטורגיע.

די טיפן זיינען רעאַלע, לעבעדיקע.

פיין אויפגעכאַפּט זיינען די מאָמענטן פון האַרמאָניע צווישן די ייִדן און דער נאַטור. זיי גיסן זיך צונויף מיט דער ערד, דעם טייך, דער לאַנדשאַפט. אויפן דאָזיקן פאָן קומט נאָך בולטער אַרויס דער קאָנטראַסט צווישן דער נאַטור און די דייטשע צוהעלפערס, וועמענס בייזקייט און אכזריות שטערן די נאַטור־האַרמאָניע.

דעם לייענער זאָגט די נאָוועלע אַ סך מער, ווי דער שרייבער האָט אָנגעשריבן. צום לייענערריידן, אויסער די ווערטער, די שטימונג, וואָס דער מחבר האָט געשאַפן מיט זיין קאָנסטרוקציע און די געפילן, וואָס האָבן באַהערשט דעם שרייבער, בעת ער האָט מיט פאַרביסענע ליפּן זיך געצווימט נישט צו שרייען.

גראָד דורך דער איינגעהאַלטנקייט און באַהערשונג האָט ער אַרויסגערופן דעם שטאַרקן איינדרוק.

איך לייען די צווייטע נאָוועלע. אַ גאַנץ אַנדערער אופן פון שרייבן און אַן אַנדערער קאָמפּלעקס פון איינדרוקן:

די נאָוועלע „שניי״, ווי שטאַרק ס'זאָל נישט זיין איר טראַגיזם, רופט אָבער נישט אַרויס קיין גרויל.

ווען דו פאַרענדיקסט דאָס לייענען דאַכט זיך דיר, אַז דו שטייסט פאַר אַ קונסט־בילד, אויף וועלכן דער קינסטלער האָט אָנגעזאַמלט בלויז ווייסע פאַרבן, וואָס לכתחילה באַרויִקן זיי דאָס אויג און ווען דו קוקסט זיך לענגער צו — פאַרבלענדן זיי. נאָר אַ קליין בערגעלע שניי אונטער

וועלכן ס׳ליגט דער נישט דערגאַנגענער פּאַרטיזאַן און נקמה־נעמער סענדער, באַווייזט, אַז די גלאַטיקײַט, ווייסע אויבערפלאַך איז נישט גאַנץ גלאַטיק און נישט גאַנץ ווייס: אונטער איר רויטלען זיך פלעקן בלוט און דאָרט ליגט פאַרגראָבן אַ פּאָטענציעלער כוח. דאָס דאָזיקע בערגעלע ווירקט ווי אַ קאָנטראַסט צו דעם שיינעם, אומשולדיקן שניי און דערוועקט אין אונדז אַ גרויסע אומרויִקייט.

אַ הערלעך בילד קאָמפּרעסירט צו איינפּאַרביקער, ווייסער טראָגישקייט.

נאָוועלע נאָך נאָוועלע לייענט זיך אַזוי מיט אַן אינערלעכער געשפּאַנטקייט און הייליקן ציטער.

פאַראַן אין די פאַרשידנאַרטיקע נאָוועלן געמיינזאַמע שטריכן.

ראשית: אַ קלאָרקייט אין סטיל און געדאַנק. דער מחבר ווייסט, וואָס ער וויל זאָגן און זאָגט, וואָס ער וויל. מיר פאַרשפּאָרן זיך צו גריבלען אין מיין פון יעדן וואָרט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער זאָגט אַלץ אַרויס און דעם לייענער בלייבט בלויז איבערצוקייען זיינע געדאַנקען, נאָר, ער דערזאָגט נישט גאַנץ אָפט און צווינגט אונדז זיך צו פאַרטיפן און מאַכן אויספירן.

מיט וועלכע מיטלען ער דערגרייכט דאָס, איז שוין אַן ענין פון דיסקרעציע און טאַקט, וואָס דער שרייבער פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס.

דער רעאַליזם איז ביים מחבר אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו חלומות און וויזיעס קומען ביי אים אַרויס „רעאַלע" און גיסן זיך צונויף מיטן לעבן אויף אַן אָרגאַנישן אופן. דאָס קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין דער נאָוועלע „איבערגעלעבט", אין דער גסיסה־שעה פון הערש לייב. אגב האָט שפּיגל אַ נייגונג אַריינצופירן כמעט אין זיינע אַלע נאָוועלן חלומות און אינערלעכע דיאַלאָגן. דער דאָזיקער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין פינף פון די עלף נאָוועלן אינעם בוך „מלכות געטאָ".

זיין פּערסאָנאַזש נעמט שפּיגל פון איינפאַכן פאָלק, צו וועלכן ער ווייזט אַרויס גרויס ליבשאַפט און מיט וועלכן ער איז אָרגאַניש פאַרבונדן. ער מיידט אויס צו שילדערן אויסערגעוויינלעכע סיטואַציעס, וואָס זיינען נישט טיפּיש. ער נעמט קליינע פאַקטן פון טאָג־טעגלעכן

לעבן און גראָד דאָ געפינט ער אויס טיפן און סיטואַציעס, וואָס דאַרפן פּאַראייביקט ווערן. מיר וועלן דאָך אין די היסטאָרישע דאָקומענטן פון דער געטאָ־תקופה נישט געפינען די ליידן פון זעלדען, וואָס איר חתן איז ערב דער חתונה צוגענומען געוואָרן און דער איינציקער זכר פון אים איז דאָס בעט, אין וועלכן זי וויל זיך נישט לייגן. זי גלעט עס בלויז, ווען די מאַמע זעט נישט. אין קיין שום אַרכיוו וועלן מיר נישט געפינען קיין אויפקלערונג פאַר איר צוגעבונדקייט צום קראַנקן שכן, וואָס טראָגט דעם נאָמען ווי איר חתן און פאַר דער מסירת נפש, מיט וועלכער זי היט אים אָפּ. כדי צו דערוואַרעמען פאַר אים אַ ביסל וואַסער, צעהאַקט זי איר בעט, דאָס איינציקע שטיק מעבל אין שטוב. („ליכט פון אָפּגרונט").

שפּיגל, דער פּעדאַגאָג, האָט נישט געקאָנט אויסמיידן די קינדער. מיט טיפער קענטעניש פון דער פּסיכאָלאָגיע פון יידישן קינד, האָט ער פאַר אונדז אַנטפּלעקט די בענקשאַפט פון די קינדער צו זיין פריי און די ליבשאַפט צו דער נאַטור. („בלימעלעך", „ברויט").

כאַראַקטעריסטיש איז דער אופן פון זיין באַשרייבן. שילדערנדיק אַ בילד פון דער נאַטור אָדער אַ סיטואַציע פירט ער באַלד אַריין אַ פּערזאָן. אַזוי אַרום זעען מיר דאָס באַשריבענע נישט אַבסטראַקט, נאָר אין פאַרבינדונג מיט אַ העלד פון דער נאָוועלע. דאָס דערנענטערט אונדז און ציט אונדז אַריין אין דער אַקציע פון ערשטן מאָמענט אָן. דעריבער זיינען זיינע באַשרייבונגען נישט לאַנגווייליק און זעען נישט אויס ווי איבעריקע אין דער נאָוועלע.

שפּיגל האָט אַריינגעהויכט זיין פּאָעטישן שם המפורש אין די פּראָזע־שאַפונגען און דעריבער זיינען זיי געוואָרן באַחנט. זיי פאַרמאָגן אמתדיקייט, ווייכקייט, בילדערישקייט, מאָס.

אויפן סמך פון די עטלעכע דערציילונגען — 11 אין זייער צאָל — איז שווער געווען פאָרויסצוזען צי דאָס איז אַן איינמאָליקער אויפברויז פון אַ כוואַליע, וואָס האָט זיך דורכגעריסן, אָדער דאָס איז אַן אָנהייב פון אַ נייעם יצירהדיקן קוואַל־שטראָם. איצט, אין 1973, אַ פערטל יאָרהונדערט נאָכן דערשיינען פון דאָזיקן „מעטעאָרישן בוך", (גלאַט־

שטיינס אַ באַצייכענונג), ווייסן מיר שוין, אַז דאָס איז געווען אַ ברכה־דיקער קוואַל־שטראָםביים פּאָעט און פּראָזאַיקער ישעיהו שפּיגל. אַחוץ „מלכות געטאָ״, וואָס איז אַ ווערטפולע פּאָזיציע אין אונדזער נאָכ־מלחמהדיקער פּראָזע, האָט ישעיהו שפּיגל באַרייכערט די ייִדיש־ליטע־ראַטור מיט זיינע שפּעטער־געשאַפענע ווערק, פון וואַנען עס רעדט צו אונדז אַ שרייבער־קינסטלער פון אַ גאָר הויכער מדרגה.

ג

געהייליקטע „אומריינקייט"

בעת כ'האָב איבערגעלייענט דאָס ערשטע מאָל די נאָוועלע „אומ־ריינקייט", (פונעם בוך „מענטשן אין תהום"), בין איך געבליבן שטיין ווי פאַר אַ הייליקער געשטאַלט, וואָס געפינט זיך אין אַ קדשי־קדשים פון מענטשלעכער ריינקייט, דערהויבנקייט און צערטלעכקייט. דער נאָמען פון דער דערציילונג איז צוגעפאַסט צום זאַכלעכן אינהאַלט, אָבער וואָס מער דו לייענסט דעם אינהאַלט, די ווערטער, אַלץ ווייטער ביסטו פון זיי. דו זעסט, אַז זיי דינען דיר נאָר ווי אַ פאָן און אַ מיטל אויסצודריקן מחשבות און געפילן, וואָס האָבן אַ קנאַפע שייכות צו די דרויסנדיקע געשעענישן.

אין דער נאָוועלע שפּילט זיך אָפּ אַ דראַמע פון אַ מענטשן. מיר גע־פינען דאָ אַלע דראַמאַטישע עלעמענטן. ס'איז דאָ אומאויפהערלעכע באַ־וועגונג. די העלדין ליזל וואַקסט ביי אונדז אין די אויגן. זי אַנטוויקלט זיך פיזיש און וואַקסט אויס צו אַ פּערזענלעכקייט. די באַציִונג פון איר שטיפברודער צו איר איז נאָר אַ מיטל צו אַקצענטירן, צו באַווייזן, אַז ליזל איז שוין מער קיין קינד נישט. זי איז אָבער נאָך נישט קיין פרוי. דאָס דריקט אויס דער מחבר פשוט און נאַטירלעך: ליזל קומט צו איר מומען זיך פאַרקלאָגן אויף פעטערן: „טאַנטע מאַטילדע! דער פעטער איסט ניכט אַרטיג! וואָס וויל ער דען פאָן מיר?"

קינדיש און נאַיִוו און דאָך מיט חן. דער זאָג איז אַ באַשטאַנדטייל פון דער דערציילונג, געהערט צו איר אַרכיטעקטאָניק. אָן דעם זאָץ וואָלט דער דערציילונג און, נאָך מער, דער כאַראַקטעריסטיק פון ליזלען, **עפּעס** געפעלט.

אַן אַנדערער עלעמענט פון דראַמע: קאָנפליקט. ליזלס קאָנפליקט מיטן היטלעריזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פערזענלעכן קאָנפליקט מיט ווילליי האָפמייער. זי פילט אין זיך די אומריינקייט פון ווילליס באַרירונג און דאָס מאַכט איר אוממעגלעך צו געפינען אַ המשך פון איר ביזאיצטיקן וועג.

עס מוז קומען אַ ווענדפונקט. ליזל באַרויקט זיך ערשט אין דער געטאָ סביבה פון פעסי־הינדע און איר זון יעקבל. זי בייטיקט זיך אין אַן עמאָציע, כדי אַרויסצושטויסן די דערדריקונג פון יענער באַרירונג און פאַרשעמונג.

זי געפינט, אַז אין דער ערגסטער אומרייניקייט, אין די פעקאַליען, וואָס זי פירט אַרויס טאָג־איין טאָג־אויס, קאָנען זיך אויך געפינען הייליקייטן, שיימעס. און אָט די שיימעס ווערן דער גרונטמאָטיוו פון אירע האַנדלונגען אין געטאָ.

אגב פאַרבינדט זיך דער איצטיקער צושטאַנד מיט אַ געפיל צו יעקבלען. ווי זיין שטייגער, אָבער, דריקט דער מחבר אויס טיפע איבערלעבונגען אין אַ פּאָר ווערטער: „אַגומלט, ווען די מאַמע איז גראָד נישט געווען אין קעלער, האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן ספרל. ער איז צוגעפאַלן מיט זיין שמאָל ייִנגליש מויל צו אירע דינע פינגער, וואָס האָבן פאַרדעקט די שוואַרצע אותיות. זי האָט נישט אַוועקגענומען די פינגער פון הינטער זיין דערשראָקן מויל און בלויז מיט דער צווייטער האַנט אים לייכט אָנגערירט דעם קאָפּ. דעמאָלט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ס'האָט נאָר וואָס פאַרבייגעשוועבט אַזאַ כישופדיקער פלאַטער־פויגל פונעם פולאָפּ איבער זיין אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און איבערגעלאָזט אין קעלער אַ צווי־טשערדיקן שאָרך פון פויגלשער שירה".

אין די אָ ווערטער איז אויסגעדרוקט די גרויסע, אומשולדיקע ליבע.

ער טוט תּפילה מיט דער הילף פון די פּירקאַנטיקע ייִדישע אותיות און זי טוט דאָס זעלבע מיט אירע באָטן; אין זיינע אויערן קלינגען אָפּ תּפילות, אין אירע — יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַכס געבעט אין מוזיק.

שפּיגל איז געהעמט, איינגעהאַלטן, שפּאָרזאַם. וואָס ווייניקער ווערטער, אַלץ מער אינהאַלט. זיינס אַ וואָרט איז געגליכן צו אַ מושל, אין

וועלכער ס׳הערט זיך דער געוויש פון ימען (שפּיגלס אַ ביישפּיל).

נאָך אַן עלעמענט פון אַ דראַמע: לייזונג. אין דער דערציילונג איז די לייזונג אַ העכסט דראַמאַטישע. ליזל טוט אָפּ אַ העלדישקייט: זי לאָזט אויף זיך וואַרטן דעם טראַנספּאָרט און גייט צו צום אָרון־קודש אַרויס־נעמען דעם זאַק שיימעס, וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן אין משך פון וואָכן צי חדשים פון דער צוואה.

דעם זאַק, וואָס איז כולו קודש, וויל זי אָפּראַטעווען פון באַרירונג מיט די היטלעריסטן. דאָס, וואָס זי האָט נישט באַוויזן לגבי זיך אַליין, האָט זי בדעה צו קאָמפּענסירן דורך אַ הייליקן זאַק און אויף אַזאַ אופן אויס־וואָרצלען פון זיך דעם געפאַלנקייט־קאָמפּלעקס.

און גראָד אין דעם מאָמענט באַגעגנט זי וויללין. אַ קורצער צוזאַ־מענשטויס, און „קיינער האָט אַפילו נישט געזען ווי אַ רויכפלעמל האָט איר אַ ברי געטאָן אין די האַלדזוועוסלעך. אין איין רגע האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן... איר שמאָלער, מיידלשער גוף האָט עטלעכע מאָל קוים אַ צאַפּל געטאָן״.

דאָס איז די לייזונג פון דער דראַמע, דאָס איז דער העלדישער טויט פון ליזלען, אַ טויט, וואָס ווערט געהייליקט דווקא אין דער געטאָ־אומ־ריינקייט, אַ העלדיש־קרישטאָליקער טויט אין זיין געהייליקטער יידישער ריינקייט.

ווי געזאָגט, פאַראַן דראַמאַטישע עלעמענטן אין דער דערציילונג, וואָס פאַרדינט אויך פון אַנדערע זע־ווינקלען: אַרכיטעקטאָנישן, שפּראַכ־לעכן, סטיליסטישן אַ באַזונדערן אויפמערק.

ד

צו דער גענעזע פון זיין ליד און דערציילונג

ביז איצט האָט ישעיהו שפיגל פאַרעפנטלעכט 12 ביכער: 9 פּראָזע, 2 לידער־זאַמלונגען און אַ באַנד ליטעראַרישע עסייען. די נעמען פון די זאַמלונגען זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. זיין ערשט בוך לידער, מיט וועלכן ער איז אַרויף אויפן שאַפערישן שליאַך, (1930) האָט ער געגעבן אַ נאָמען „מיטן פנים צו דער זון" און זיין פינפט בוך — אויך לידער — האָט ער אָנגערופן „און געוואָרן איז ליכט". זון און ליכט זיינען דער עיקר־עלעמענט פון זיין דיכטערישער שאַפונג. אַפילו אין די לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין געטאָ גופא, געפינען מיר ליכט — און זון — מאָטיוון אין כלע־לייַ אָנטפּלעקונגען. אָט, למשל, איז אַ ליד „אַ ברונעם אין געטאָ". מיר לייענען דאָרט, אַז „דאָס גאָלד פון דער אָונט־זון אַראָפּגעטריפט האָט אינעם ברונעם" („און געוואָרן איז ליכט", ז. 85). אין אַן אַנדער ליד פליסטערט דער דיכטער צו זיין קינד:

„...הייסע פאָטערלעכע רייד,
אַז דער רעגן־בויגן
שטאַרבט קיין מאָל נישט אויף אונדזער הימל" (דאָרט, ז. 125).

אין „אָונט־ליד", בעת דער מחבר איז פאַרצווייפלט און ס׳איז אים שווער צו טראָגן דעם עלנט פון לעבן, אויך דעמאָלט —

„...וואָס איך מיינע הענט
און קיל די אויגן
מיט לעצטער שיין פון אונטערגאַנג,
וואָס ברענט
אויף מיין פנים". (דאָרט, ז. 116)

און די פּראָזע?

דאָס זיינען דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס שילדערן העלדישקייט, שיינקייט, פּראַקטיקע־פייזאַזשן. עס קלינגט אין זיי אַ סטרונע פון עלעגיע און זאָרג, זיי זיינען דורכגעוועבט מיט אומעט און טרויער. אין די דערציילונגען איז פאַראַן אַ קאַמף פאַרן לעבן, אַ שטרעבן צום ליכט פון לעבן, אָבער עס פעלט די לעבנספרייד.

פון וואַנען נעמט זיך דער אונטערשייד אין צוגאַנג צו פּראָזע און פּאָעזיע, וואָס זיינען געשריבן אין דער זעלבער צייט?

דער ענטפער אויף דער פראַגע פאָדערט אַ באַזונדערע שטודיע. דאָס איז די פראַגע, וואָס פון זיך אַליין באַרירט זי די פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע פון דער גענעזע פון ליטעראַרישע מינים. עס איז אונדז ביז היינט נישט קלאָר, וועלכע זיינען די פאַקטאָרן, וואָס באַוועגן איינעם צו שאַפן דראַמעס, אַ צווייטן — ראָמאַנען און אַ דריטן — לידער. מיר ווייסן אויך נישט דעם סוד, פאַר וואָס געוויסע שרייבערס זיינען שטאַרק אין באַשרייבונגען, אַנדערע — אין דיאַלאָגן און נאָך אַנדערע אין נשמה־גריבלענישן?

די ליטעראַטור־וויסנשאַפט וועט אפשר פאַרענטפערן די אַלע פראַגן, אויב אַן ענטפער איז בכלל פאַראַן.

איך וויל מיך בלויז פאַרנעמען מיט אייניקע פּראָבלעמען, וואָס וועלן אפשר העלפן אויפקלערן די פאַקטאָרן פון ישעיהו שפּיגלס שאַפונג.

עס איז קיין ספק נישט, אַז איינע פון די עיקרדיקע אויפגאַבעס פון אונדזער ליטעראַטור נאָכן גרויסן חורבן פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום איז צו געבן אַן אויסדרוק דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

אמת, עס זיינען שוין באַשריבן געוואָרן אַ סך אויטענטישע פאַקטן אין אויפטרייסלענדיקע ביכער: זכרונות, פּנקסים, דאָקומענטן, טאָגביכער, איינדרוקן פון עדות. אָבער אָן שפּיגלס דערציילונגען וואָלט געפעלט די בריק, וואָס פאַרבינדט די קינסטלערישע ליטעראַטור פון פאַ־ן חורבן מיט דער איצטיקער. שפּיגל האָט געלעבט אין געטאָ, דאָרט האָט ער געשאַפן און פון דאָרט האָט ער גענומען זיין „רוישטאָף" און פון דאָרט האָט ער געשעפּט זיין „אינספּיראַציע" — אויב ס'איז דערלויבט צו באַנוצן

דאָס וואָ־ט פאַר די איבערגעלעבטע שווידער־יאָרן.

אין געטאָ איז שפּיגל אויפגעטרייסלט געוואָרן ביזן גרונט. די געטאָ־צייט האָט אים ברייטער געעפנט די אויגן, אויסגעשאַרפט דאָס געהער, אויסגעאיידלט די חושים און פאַרטיפט זיין באַנעם־פעיקייט. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סייסמאָגראַף פון געטאָ, וואָס פאַרצייכנט די סאַמע לייכטע באַוועגונגען פון האַרץ, נשמה, געוויסן... ער האָט נישט געקאָנט נישט שרייבן.

וועגן וואָס האָט ער געשריבן?

שפּיגל שרייבט וועגן מענטשן, וועגן אייביקער המשכדיקייט פון טיפן הומאַניזם. פאַר אים איז דער טויט נישט קיין סוף נאָר אַ נייער אָנהייב.

אין דער דערציילונג „ברויט" באַקומען די קינדער ברויט צו דער זעט, דאָס איינציקע מאָל, ווען זייער פאָטער איז געשטאָרבן: זיי געניסן פון זיין שפּייזקאַרטע.

„ליכט" איז אַ דערציילונג וועגן אַן עלטערער פרוי, פאַר וועלכער אַ ליכט איז אַ סימבאָל פון קדושה אין יידישן לעבן און שטייגער. בעת דער גסיסה אין איר בוידעם־שטיבל חלומט זי וועגן אַ ליכטל, וואָס וועט לייכטן ביי איר צוקאָפּנס. אין דער לעצטער מינוט פאַר איר אויסגיין באַווייזט זיך אַ ייִד פון דייטשלאַנד אויף דער שוועל פון איר חדרל. דער ייִד האָט באַקומען צוגעטיילט דעם בוידעם פאַר אַ דירה. אָנגעקומען איז ער אָקערשט מיט אַ טראַנספּאָרט. הערנדיק אַ קרעכץ האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט און זיך דערנענטערט צום צימערל. בעתן מאַניפּולירן מיטן ליכט איז אַרויסגעפאַלן פון האַנט אַ סם־פּאַסטילקע, וואָס ער האָט געהאַט בדעה אַראָפּצושלינגען. אַזוי אַרום זעען מיר, ווי דער ווונטש פון דער זקנה איז מקוים געוואָרן און ווי אַזוי שטאַרבנדיק האָט זי געשענקט דאָס לעבן אַ קאַנדידאַט צו זעלבסטמאָרד.

אין „מאַכעלע" דערפירט דער מוטע־ס טויט צו אַ דערנענטערונג מיט אַ מיידל, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. ווידער איז דער טויט געקומען צו הילף דעם לעבן.

איך באַגנוגן מיך מיט די דריי ביישפּילן, כדי אָנצוווייזן אויף אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך אין שפּיגלס שאַפונג, אַ שאַפונג, וואָס ברענגט

צום אויסדרוק די דיאַלעקטיק פון לעבן: דער יחיד גייט אַוועק, אָבער די געזעלשאַפט עקסיסטירט ווייטער.

עס קומט מיר אויפן געדאַנק אַ פּיעסע פון ווסעוואָלאָדווישניעווסקי: „די אָפּטימיסטישע טראַגעדיע". דער טויט פון הויפּטהעלד דינט דער פאַרווירקלעכונג פון אַלגעמיינעם ציל און דעריבער איז דער טויט נישט קיין טראַגעדיע אין אַנגענומענעם זין פון דער דראַמאַטישער קונסט, וואָס באַטייט אַ סוף, נייערט מיר זעען דאָ אַ נייע התחלה.

דער ענין מענטש שטייגט איבער אַלץ אין דער וועלט. דער גריכי־שער פילאָסאָף דיאָגענעס האָט מיט אַ פאַקל אין מיטן טאָג געזוכט אַ מענטש און אים נישט געפונען, אָדער כמעט נישט. און די צייטן זיינען געווען מער אָדער ווייניק רויקע. אויף וויפל שווערער איז געווען פאַר שפּיגלען אים צו געפינען אין דער היטלערישער פינצטערניש צווישן די געטאָ־מויערן, בעת די לעבנס־באַדינגונגען זיינען געווען אַנטי־מענטש־לעכע, בעת דער דייטשער סיסטעם איז אויסן געווען אויסצוואָרצלען יעדעס מענטשלעך געפיל און די מענטשן אַליין פאַרוואַנדלען אין חיות.

און דאָך האָט אים שפּיגל געפונען, דעם מענטש. אַפילו דעם הונט „ניקי" האָט ער באַשאָנקען מיט מענטשלעכע אייגנשאַפטן און דורך דעם נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן די דייטשע אכזריות.

די דייטשן אַליין זעען מיר כמעט נישט. באַווייזן זיי אין זייער גאַנצער רישעות האַלט אפשר שפּיגל פאַר אַ באַליידיקונג פאַר דער ליטעראַטור; אים פעלט דער אינעווייניקסטער כוח צו באַשענקען זיי מיט אַ מענטשלעך פנים. דערפאַר אָבער ווייסט ער דעם סוד פון דערזען אין פשוטע מענטשן הומאַניזם, העלדישקייט און אַלטרויזם, אייגנשאַפטן, וואָס זעען אויס צו זיין ווייט פון זיי.

„דער ייִד פון בית־עולם" איז אַ העלד, אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער איז אַ מענטש און אין אים קלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ. פאַר אים איז גאַנץ נאַטירלעך צו קעמפן קעגן אַ דערנידערונג פון מענטשלעכן כבוד, ווי נאַטירלעך ס'איז צו צעטרעטן אַ שרץ, וואָס וויל דיר געבן אַ שטאָך.

ליזל פון „אומריינקייט" (וואָס מיר האָבן שוין באַזונדער באַהאַנדלט)

איז דערצויגן אין דער מערבדיקער קולטור. איר מענטאַליטעט אונטער־שיידט זיך שטאַרק פון יעקבס, וועלכער איז אויפגעוואַקסן אין גייסט פון טראַדיציע, זיצט טאָג און נאַכט איבער הייליקע ספרים. אירע פּערזענלעכע ליידן, איר חרפּה און אירע דאגות האָבן זי נישט געמאַכט פאַלן ביי זיך. זי ווייסט, בעסער געזאָגט, זי פילט מיט איר אינסטינקט, אַז עס זיינען פאַראַן ווערטן, וואָס דערהייבן דעם מענטשן צו אַזאַ מדרגה, פון וועלכער קיין דייטשער אַקט איז נישט אין שטאַנד אים פון דאָרט אַראָפּצונידערן.

עס איז פאַראַן אַ קודש־קדשים, צו וועלכן קיינער האָט קיין צוטריט נישט און וועלכער שפּרודלט מיט גבורה אויף זיך קעגנשטעלן דעם שונא, אים צו פאַראַכטן, זיך צו דערהייבן איבער זיינע דראָונגען און צו פילן זיך ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אַ ברייטערן כלל, וועלכער גייט נישט אונטער, אַפילו ווען דער יחיד פאַלט: אַ מין נצח ישׂראל! די „אומריינקייט" איז רייך אין שאַרפע קאָנפליקטן. די דראַמאַטישע לייזונג און דער סיפור המעשׂה פאַרמאָגן אַ הויכע מאָראַלישע געשפּאַנטקייט. אין דער דאָזיקער דערציילונג ווי אין זייער פיל אַנדערע זעען מיר די טיפע וואָרצלען, פון וואַנען די העלדן שעפּן זייער כּוח.

שפּיגלס שרייבערישע קראַפט איז נישט אָפּצוטיילן פון זיין פּער־זענלעכקייט. זי דריקט זיך אויס אין אַריינדרינגען אין נאַציאָנאַלע קוואַלן, זוכענישן פון סאָציאַלע וואָרצלען און אַרויסהייבן מאָראַלישע ווערטן. דער פאַקט פון רעכענען זיך אין זיינע ווערק מיט אַלע פאַקטאָרן, וואָס באַווירקן די מענטשלעכע האַנדלונגען, באַשטימט שפּיגלס פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור: ער איז אין זיינע דערציילונגען אַ רעאַליסט און טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז אַ רעאַליסט, קאָן ער ביזן היינטיקן טאָג נישט שרייבן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן לעבן אין געטאָ. די סיבה איז אַ פּשוטע: דער געטאָ־קאָמפּלעקס לעבט אין אים און פאָדערט פון אים נישט צו לאָזן פאַרגעסן יענע תקופה. און קאָן מען דען וועגן געטאָ שרייבן אין העלע פאַרבן?

און איצט גייען מיר איבער צו זיין דיכטונג.

שפּיגל איז אַ שרייבער מיט פיל אַקטיוויטעטן און שטרעבונגען. ער קאָן נישט לעבן בלויז מיטן עבר: ער האָט אַן אייגן לעבן, נייע איינדרוקן.

באַגעגענישן; ער לייענט, אָבסערווירט, טראַכט, האָט ליב, בענקט, טרויערט; ער האָט אויך אפשר מינוטן פון פרייד און באַפרידיקונג. די אַלע דערשיינונגען געהערן צו אַ געביט נישט פון אָבסערוואַציע, נייערט פון עמפּינדונג. די דאָזיקע עמפּינדונגען פֿאָדערן אַן אַנדערן תּיקון, ווי דער גרויליקער חומר, וואָס ווערט באַשריבן אין די דערציילונגען. שפּיגל קאָן נישט אויף אַן אידענטישן אופן אויסדריקן געטאָ־בילדער און אינטימע נשמה־איבערלעבונגען און דעריבער טוט ער די לעצטע אָן אין אַ פּאָעטישן לבוש. און די לידער־זאַמלונגען וואַרפן אַ ליכט אויף שפּיגלס תּוך, דאָס איז דער מענטש, וואָס שטרעבט צו ליכט און גייט אַנטקעגן דער זון מיט באַהאַלטענע טרערן אין די אויגן.

ווען ישעיהו שפּיגלס לידער און באַלאַדן שרייבט דער קריטיקער יעקב גלאַטשטיין צוו. אַנד. „...זיינע לידער זענען אַ וויכטיקע קאָמפּיניירונג צו די דערציילונגען. די לידער פֿאַרמאָגן אין זיך שפּריצלעך ליכט פון יענער באַלויכטענער פינצטערניש, אויב מ׳לייענט זיי צוזאַמען. בעסער געזאָגט, אויב מ׳זאָגט זיי צוזאַמען ווי מ׳זאָגט תּפילות. מען דאַרף זיי זאָגן איינס נאָך ס׳אַנדערע, כּדי צו ווערן דורכגעדרונגען מיט דעם געזאָגטן, געציטערטן...״

און ציטירנדיק דאָס פֿאָלגנדיקע ליד:

פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן —
אַ גראָע קלויזנוואַנט געקושט פון פלאַם.
ווען ס׳האָט דער אָוונט בלוטיקן גענומען
האָב איך געקושט דאָס לעצטע אות פון פּייער־ים.
דער ווינט האָט פון די הימלען אָפּגעווישט די שטערן
און ווי אַ בעטלער אַריינגעווינט אין רויטע ציגל.
פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן —
די רעדלעך הילצערנע פון אַ יידיש וויגל.
אַ פאָרהענגל אַ ווייס — אַ זומערדיקער וואָלקן
האָט זיך אין טויטע פענצטער שטום באַוויגן.
פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן —
דאָס וואָרט אין טויטע קינדערישע אויגן.

זאָגט יעקב גלאַטשטיין:

„אין די אויבנציטירטע שורות איז פאַראַן אַ סך פון דעם דערציילער ישעיהו שפּיגל, וואָס האָט זיין גאָמען אַריינגעשריבן מיט זיכערע הענט צווישן די גרויסע נעמען אין אונדזער ליטעראַטור. די רעדלעך פון אַ יידיש ווייגל, ווי דער איינציקער פאַרבליבענער פעלדז, דער ווינט, ווי אַ בעטלער, וואָס ווייגט אַריין אין רויטע ציגל, דאָס וואָרט אין טויטע קינדערישע אויגן — דאָס זיינען נישט קיין שורות אין נוסח קלאָגליד, נאָר אין נוסח גרויליקער דערצייל־קונסט פון ישעיהו שפּיגלס אייגענער געבענטשטער פעדער". (אין תוך גענומען, 1960).

ס'איז נישט אָפּצוטיילן שפּיגלען דעם דיכטער פונעם עפּיקער. סיי זיין ליד און סיי זיין געטאָ־נאָוועלע — קומען פונעם זעלביקן מקור. דאָס איז דעם שאַפערס יצירהדיקער חלום, וואָס ווערט דויערהאַפטיקע קינסטלערישע שיינקייט אין דער געגעזע פון זיין עפּישער שורה אָדער פּאָעטישער סטראָפע. ביידע שאַפן ערשט די אמתע געשטאַלט פונעם אָריגינעלן פּאָעט־דערציילער ישעיהו שפּיגל.

ה

דער גייסט פון ווידערשטאַנד אינעם געטאָ־ראָמאַן „פלאַמען פון דער ערד“*

„פלאַמען פון דער ערד“, איז דער טיטל פון לעצטן קאַפּיטל פון ישעיהו שפּיגלס ערשטן ראָמאַן. אויף צו שרייבן אַ ראָמאַן, וואָס זיין אַקציע געשעט אין געטאָ, דאַרף מען האָבן נישט נאָר ווילן נאָר טאַלאַנט און... קאָמפּעטענץ. עס איז נישט גענוג אָנצוזאַמלען אַ דאָקומענטאַציע, אויספרעגן עדות און... לאָזן לויפן די פאַנטאַזיע. על כל פנים, נישט אין פאַל פון געטאָ, ווו אַלס טעמע ווערט באַריִרט דער נאַצי־רעזשים פון געפּלאַנטן מאַסנמאָרד, אָפּיציעלער הפקרות און באַלוינטע שטראָפלאָזיקייט פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכנס לגבי יידן.

דער רעזשים פון די נאַציס, וואָס האָט אויפגעלעבט און באַפרייט די נידעריקסטע רויבערישע אינסטינקטן פון די דייטשישע סאָלדאַטן און זייערע אוקראַיִנישע, ליטווישע, פּוילישע און אַנדערע נאַציאָנאַלע אַרויס־העלפערס האָט אויך געמוזט אַרויסרופן ביי די קרבנות עלעמענטאַרע פאַרטיידיקונגס־אינסטינקטן און פּסיכאָלאָגישע רעאַקציעס, וואָס קאָנען נישט געמאָסטן ווערן מיט נאָרמאַלע מאָסן און קאָנווענציאָנעלע געזעצן. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס עס פאָדערט זיך קודם־כל אַן אומגעהייער אויטאָריטאַטיווע קאָמפּעטענץ פון אַ שרייבער, וואָס באַריִרט די יידישע מאַרטיראָלאָגיע־טעמע אין אַ קינסטלעריש ווערק.

ישעיהו שפּיגל איז צו אַזאַ שאַפונג באַרופן. ער האָט פּערזענלעך

---

* „פלאַמען פון דער ערד“, ראָמאַן, פאַרלאַג „ישראל־בוך“, 208 ז. 1966. דער־שינען אויך אין פראַנצייזיש ביים פאַרלאַג: Editions Gallimard. Paris, 1973. „Les Flammes de la Terre“ אין דער איבערזעצונג פון רחל ערטעל.

דורכגעלעבט די געטאָ־תקופה און געווען איינער פון דער קלײנער צאָל קרבנות, וואָס איז על פּי צופאַל געבליבן לעבן.

ער האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט 12 ביכער, וואָס די מערהייט פון זיי זיינען דערציילונגען פון חורבן, דערציילונגען אין וועלכע דער מחבר ווייזט זיך אַרויס פאַר אַן אומפאַרגלייכלעכן שילדערער פון מענטשן אין זייער גאַנצער גרויסקייט.

צוועלף יאָר האָט ישעיהו שפּיגל אויסגעטראָגן אין זיך דעם ראָמאַן ביז ער האָט אים געגעבן זיין ליטעראַרישע פאָרעם. דערנאָך האָט ער געוואַרט נאָך צוועלף יאָר, מחמת דער גרויסער אחריות וואָס ער טראָגט פאַר זיינע געשריבענע ווערטער. דער מחבר איז מער אויסגעהאַלטן פון האָראַצן, וואָס עצהט צו וואַרטן בלויז... ניין יאָר מיט פאַרעפנטלעכן אַ שאַפונג.

„פלאַמען פון דער ערד” איז קודם־כל אַ ראָמאַן אין זין פון אַ ליטע־ראַרישער קאַטעגאָריע מיט אַלע פאָרמעלע אייגנשאַפטן און וועזנטלעכע פּראָבלעמען.

איידער מיר וועלן אָבער באַרירן די פּראָבלעמען — אַ פּאָר ווערטער וועגן דער ליטעראַרישער טעכניק פון דאָזיקן ראָמאַן.

ישעיהו שפּיגל איז אַ דערציילער און זיין ראָמאַן באַשטייט פון אַכצן דערציילונגען. יעדע פאַר זיך איז אַ גאַנצקייט מיט איר טעמאַטיק, פּערסאָנאַזש, אַקציע און קינסטלערישער פולקאָמענקייט. די שפּראַך שפּיגלס איז רייך און אָפּגעהיטן. דער מחבר געפינט אַ פּאַסיקן אויסדרוק פאַר די מאַקאַברישסטע געשעענישן אַזוי ווייט, אַז דער עסטעטישער פּרינציפּ פון אַ קינסלערישער שאַפונג ווערט רעספּעקטירט און דער לייענער מיידט אויס אַן אומאָנגענעמע, ברוטאַלע עמפּינדונג.

אַדאַנק אָבער דעם טיפן אַנאַליז צו וועלכן ער דערפירט אונדז בהדרגהדיק, טריט ביי טריט, נישט פון דער זייט, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון דער געשילדערטער געשטאַלט, איז שפּיגל ביכולת אונדז צו געבן אַ פּילזייטיק, קאָמפּלעט בילד פון זיינע העלדן. מיר פאַרשטייען גוט זייערע מאָטיוון פון האַנדלונג, וואָס הייסט נישט אַז מיר מוזן זיי אַפּראָבירן.

אָט די מעסיקייט אין באַנוצן שאַרפע אויסדרוקן, די טיפקייט און

אַלזייטיקייט פון באַשרייבן, בילדן דעם מאַגנעטישן כוח פון שפּיגלס דער־ציילונגען אין ראָמאַן.

די אַכצן דערציילונגען זיינען אָבער פון אַ באַזונדערן מין: זייער רעפלעקסיווער טייל דינט ווי אַ באַגרינדונג און אויפקלערונג צום סיפור־המעשה און די אַלע אַכצן סיפורי־המעשׂיות שפּילן זיך אָפּ אין איין צייט, אויף איין אָרט און אַלע זיינען פאַרבונדן מיטאַנאַנדער טעמאַטיש.

דאָס געזאָגטע מיינט, אַז דער ראָמאַן איז אַ פּאָטענציעלע דראַמע און פּאַקטיש איז דער אינהאַלט אַזוי דראַמאַטיש, אַז ער לייענט זיך מיט גרויסער שפּאַנונג, וואָס ווערט געמעסיקט בלויז דורך די פּאָעטישע, האַרציקע אינטערמעצאָס, אין וועלכע דער מחבר גיט אויסדרוק פאַר זיינע אימפּרעסיעס דורך אַ גאַנצער ריי פאַרגלייכן, מעטאַפאָרן און אַ גאַנצער, רייכער גאַמע פון קינסטלערישע מיטלען.

די דראַמאַטישקייט פון ראָמאַן באַשטייט אויך אין די קאָנפליקטן, וואָס בילדן דעם עצם מהות פון אַ דראַמע, ווי אויך אין זייער לייזונג. פון דעם קוקווינקל וואָלט אפשר געווען אַ גליקלעכער אויפטו צו באַאַרבעטן דעם ראָמאַן פאַרן טעאַטער און פילם.

די מעלה פון ראָמאַן שטעקט אָבער נישט בלויז אין זיין טעכנישער פולקאָמענקייט און אין זיין נאַראַטאָרישער פעיקייט צו האַלטן דעם לייענער אין שפּאַנונג. דעם מחברס וויזיאָנערישקייט דורכגעזאַפּט פון טיפן הומאַניזם מאָלט בילדער, וואָס רופן ביי אונדז אַרויס פאַר־שטענדעניש, מיטלייד, פאַרערונג. ער ווייזט אונדז די גרויסקייט פון פּשוטע מענטשן, וואָס גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון זייער העל־דישקייט, ווייל זיי דערפילן נאָר זייער מענטשלעכן חוב.

דער עיקר וואָס שפּיגל באַווייזט אָדאַנק זיינע שילדערונגען אויפצו־וועקן אין אונדז געדאַנקען און אַוועקשטעלן פּראָבלעמען, וואָס זיינען שטענדיק אַקטועל, פּראָבלעמען, וואָס זיינען שאַרף אַרויסגערוקט געוואָרן אין שייכות מיט אַ פּאָלעמיק אַרום אַ בוך פון אַ פראַנצייזישן שריי־בער וועגן טרעבלינקע.

איך וויל זיך באַגרענעצן צו דריי טעמעס, כדי נישט איבערלאָדן די אָפּהאַנדלונג. כ׳בין דאָך נישט אויסן איבערצודערציילן דעם אינהאַלט

פון ראָמאַן, כדי איינשפּאָרן די לייענער אים צו לייענען, נייערט אַרויס־רופן צו אים אינטע־עס און משפּיע זיין דער לייענער זאָל נאָך טיפער איבערלעבן, דורכפילן דאָס, וואָס דער מחבר האָט אונדז קינסטלעריש געגעבן אויף אַ קאָנקרעטן, זאַכלעכן אופן, הגם נישט מיט אומפּערזענ־לעכער אָביעקטיוויטעט. די דריי טעמעס זיינען:

א. גייסט פון ווידערשטאַנד,

ב. נישט־יידישע שכנים,

ג. ליבע אין אָנבליק פון טויט.

א. גייסט פון ווידערשטאַנד

פון סאַמע אָנהייב ביזן סוף פון ראָמאַן גייט אַדורך אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס דער געדאַנק פון קאַמף קעגן אויפגעצוווּנגענער דערנידערונג, קעגן אַכזריותדיקער אונטערדריקונג, קעגן זינלאָזער פאַרשקלאַפונג. ווי אַן אַריאַדנע־פאָדעם שלענגלט זיך דורכן ראָמאַן די פּראָבלעם פון די „וואָס ווילן נישט שטאַרבן ביים דייטש ווי שעפּסן" (ז' 55).

איך באַנוץ בכיוון די דאָזיקע ציטאַטע, ווייל זי דערמאָנט זייער אַן ענלעכע אין שוין דערמאָנטן בוך וועגן טרעבלינקע.

ווי זעט אויס די פּראָבלעם ביי שפּיגלען?

וויגדער, דער העלד פון ראָמאַן, „האָט געוואָלט דערגיין די סיבה פון דער יידישער געליימטקייט אין די יאָרן פון דערנידערונג און בושה. ער האָט געוואָלט דערגיין דעם זין פון דער יידישער גלייכגילטיקייט אין תהום פון געטאָ... פאַר וואָס האָט מען מיט אַזאַ הכנעה געטראָגן דאָס געשוואָלענע האַרץ און אונטערטעניק זיך געבוקט פאַר אַ ביסל גראָ, וואָ־סערדיק געקעכטס? צי איז דאָס געווען די אייביקע מענטשלעכע שרעק פאַרן טויט?" (ז' 16).

וויגדער שטעלט זיך די אַלע שאלות, ווייל אין אים איז פאַראַן דער־כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם צוואַנג, ווייל ער גלייבט אין מענטשן און אין אַ בעסערער צוקונפט. ער האָט נישט פאַרלוירן זיין פּערזענלעכ־קייט, מענטשלעכע חשיבות און נישט די פעיקייט צו געזונטער מעדי־טירונג. דער עצם פאַקט פון וועלן באַנעמען דאָס אַלץ וואָס קומט פאַר —

איז שוין דער ערשטער שריט צו ווידערשטאַנד.

ווידער איז נישט געווען פאַראייינזאַמט אין זיין ווילן זיך נישט צו לאָזן איינברעכן.

ביים טויטנבעט פון זעלדען, די נשמה פון אַן אונטערערדישער גרופּע, האָט ער באַגעגנט אַ ייִדן פון פּראַג, אַנטאָן קראַפּט. אַנטאָן האָט אַ נדר געטאָן נישט אָפּצוגעבן דעם דייטש זיין סטראַדיוואַריוס. נישט האָבנדיק אים ווו אויסצובאַהאַלטן, ברענגט ער אים צו זעלדען צוזאָגנדיק „יעדע וואָך... נאָך דער שפּייז־צוטיילונג... אַרויפברענגען... נישט, חלילה, אומ־זיסט... אַ שטיקל ברויט... אַ ביסל צוקער״ (ז׳ 32).

אויך דאָס אָפּזאָגן זיך פון נעמען ברויט און צוקער איז אין די געטאָ־באַדינגונגען געווען אַ העלדישער שריט.

און אין נאָמען פון וואָס? פון מענטשלעכער בושה!

צו דער גרופּע האָבן אויך געהערט באַלוטער טרעגער־יונגען, באַ־לעגאָלעס, וואָס זיינען על פּי נס נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן. דאָס זיינען געווען אַמאָליקע פּוילישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן „נאָך אין די ערשטע געטאָ־חדשים... אויסבאַהאַלטן אַ סך... שווערע אייזנס... שאַרפע מעסערס און העק... אַ פּאָר חלפים... אַלטע פּוילישע ביקסן... און באַגנעטן״ (ז׳ 35). קיינער האָט זיי נישט געהייסן דאָס טאָן, אָבער יעדער באַזונדער האָט אינסטינקטיוו געגרייט געווער.

אָט די מענטשן האָבן זיך געמוזט היטן אַזוי גוט פאַרן דייטש ווי פאַר ייִדן. און צו היטן זיך זיינען געווען נישט ווייניק סיבות: אַ גאַסט „פון דרויסן״, ד. ה. פון אויסערן געטאָ, איז געקומען צו זעלדען און מען האָט אים געמוזט ביי נאַכט אַ־ויסבאַגלייטן צו די דראָטן הינטערן בית־עולם; עס פלעגט זיך באַווייזן אַן אַנטלאָפענער פון אַן אַרבעטס־לאַגער אָדער פון אַ טראַנספּאָרט און דערציילן די גרויליקייטן פון דייטש; מען האָט געהאָרכט ראַדיאָ־איבערזענדונגען פאַר וואָס ס׳איז געקומען טויטשטראָף...

דאָ, אין שטוב פון דער גוססדיקער זעלדע, איז פאָרגעקומען אַ דער־נענטערונג צווישן דער מערב־אייראָפּעישער ייִדישער אינטעליגענץ און די באַלוטער האָרעפּאַשניקעס, מחמת דעם מצב אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען.

דער צוזאַמענטרעף מיט די דאָזיקע מענטשן, גלייביקע, שטאַרקע, גרייטע אויף אַלץ, האָט ממילא צוגעגעבן וויגדערן כוח אויסצוהאַלטן. ער נעמט אָנטייל אין אַ קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונג, ווו דער אָנפירער חיים ווידאַווער רופט צו וואַכזאַמקייט.

„היינט, תחילת פעברואַר, גיינצן הונדערט פיר און פערציק, שטייען מיר גראָד אַזוי פאַראייבזאַמט ווי אין פריערדיקע יאָרן... אונדז דערוואַרט פאַרטיליקונג... סיידן עפּעס אַ נס... אָבער פון וואַנען?... צי האָבן מיר נאָך די גייסטיקע גבורה זיך צו ראַטעווען?... דערווייל איז נאָר געבליבן איינס... נישט פאַלן ביי זיך... יעטוועדן טאָג קאָן עפּעס געשען"... (ז' 101־100).

די דייטשן גרייטן אַ פרישן טראַנספּאָרט. די גרופּע ווייסט אַז דאָס איז דער וועג צום טויט. אָבער „וואָס טוען מיר אַנטקעגן דעם אומגליק? מיר, וואָס ווייסן יאָ דעם גאַנצן אמת. — די קומענדיקע דורות וועלן אונדז קיין מאָל נישט מוחל זיין... צי האָבן מיר געטאָן דאָס וואָס מענטשן דאַרפן טאָן?... זיי וועלן אונדז נישט גלייבן אונדזער אומבאַהאָלפנקייט און אַליינקייט... די נסיונות פון אונדזער צייט — דאָס איז דאָך איינ־מאָליק אינעם קיום פון אונדזער פאָלק... צי זיינען אונדזער נשמה און אונדזער גוף צוגעגרייט פאַר אַזעלכע נסיונות? (ז' 101). „פון דעסט־וועגן... איז... פאַרבליבן... בטחון... די איינציקע האָפענונג: אונדזער קעסטעלע... אַזוי לאַנג ווי מיר הערן דעם דרויסן — הערן מיר די וועלט... כאָטש מיר ווייסן, אַז די וועלט איז טויב צו אונדז... אפשר וועט געלינגען עמעצן אַריין צו אונדז... פון דרויסן... מיר זאָלן וויסן וואָס צו טאָן... ווו ס'איז אונדזער הילף... צי איז מעגלעך, אַז מען האָט אונדז פאַר־געסן?" (ז' 102).

איינער פון די באַטייליקטע שטעלט די פראַגע: „אפשר איז גאָר דער דייטש גאָטס פאַרכטיקע האַנט אונדז צו שטראָפן? גאָט האָט אויס־געקליבן דעם דייטש, כדי זיין אויסדערוויילט פאָלק צו פאַ־פייניקן... ס'איז אומזיניקייט, וואָס קומט פון ייאוש... מיר זיינען... אַ שפּענדל אין אַ רציחהדיקער וועלט... מיר יידן... זיינען נישט מער ווי אומגליקלעכע מענטשן אין דער אומגליקלעכער מענטשן־משפּחה אויף דער ערד...

— און דער דייטש, איז דער דייטש אויך פון דער מענטשלעכער משפּחה ?

— אויך דער דייטש איז נישט מער ווי אַ שפּענדל אינעם ווינט פון שלעכטס און רציחה... אמת, מיר ייִדן זיינען די שוואַכסטע... די שׂינאה איז נישט געשיקט פון גאָט... די שׂינאה קומט פונעם מענטש... און דער מענטש מוז בעסער ווערן אין זיין קורץ, פאַרשווינדנדיק לעבן...

— און ווו איז די אויסדערוויילטע שליחות פון אונדזער פאָלק ?...

— שליחות ?... אפשר איז אויך דער ייִדן־עלטסטער מרדכי־חיים גאָטס שליח ? (ז׳ 103) צי האָט אַ מענטש דאָס רעכט אַ צווייטן מענטשן צו שיקן צום טויט ? אויב ס׳איז נישט פאַראַן אַ רעטונג פאַר אַלע — צי דאַרף מען ראַטעווען נאָר אַ הייפל, די אויסדערוויילטע פון גורל ? וואָס וועלן זאָגן די קומענדיקע דורות ?... צי דאַרפן מיר נישט אַלע אַנטקעגנגיין דעם טויט — אויב ס׳איז נישט פאַראַן אַ רעטונג פאַר אַלע ? דאָס גוט־וויליקע, שטאָלצע, גבורהדיקע שטאַרבן פון אַ מענטשן אין שווער גע־פּרוווטע צייטן גיט אים מער כבוד ווי אַ שרצימדיק לעבן... ס׳וועט קומען אַ טאָג נאָך אונדזער חורבן, אַז נאָר דער טויט וועט זיין דער איינציקער סימן פון אַ ריין ייִדיש לעבן... מיט חשד וועט מען קוקן אין די אויגן פון יעטוועדן איבערגעבליבענעם נאָכן חורבן... אַפילו פון די ריינסטע און אומשולדיקסטע... (ז׳ 104).

דער וויכוח אין קעלער האָט זיך ווייטער געצויגן און ווידער האָט אָפּגעפונען אין די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען און ווערטער זיינע אייגענע פּראָבלעמען און ספקות. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר מאָמענטן פון שוואַכקייט.

„אָט דאָ איז צו אים אַנטקעגנגעגאַנגען דער ליכטיקער זין פון גורל: די סכנה, וואָס הענגט איבערן מענטש פון אייביקע צייטן און די גרויסע פרייד פון געמיינזאַמקייט און מענטשלעכער נאָענטקייט, כדי צו באַצווינ־גען דאָס אַל דאָס בייז...״ (ז׳ 106).

איצט האָט ווידער און אַנדערע „דערפילט איבער זיך די גבורה פון אַ פאַרבאָרגענעם, ליכט־שטראַלנדיקן גייסט״ (ז׳ 107).

און הגם מען איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אָן קאַנאַלן

ווי זיך אויסצובאַהאַלטן, אָן אַ נאָענטן וואַלד און אָן ייִדן־פֿריינד אין דער נאָענטסטער סביבה, אָנגעוויזן אויף איינזאַמקייט און גבורה — איז ווידער נישט געפֿאַלן ביי זיך. בפֿרט אַז ס׳האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטימע אין ראַדיאָ, וואָס האָט גערופֿן צו ווידערשטאַנד די ייִדן אין די געטאָס, ווייל די הילף איז נאָענט. די שטימע האָט געפֿאָדערט נקמה פֿאַר טרעבלינקע, אוישוויץ, פּאָנאַר און סאָביבאָר.

אָבער אין געטאָ לאָדזש איז קיין אויפֿשטאַנד נישט געווען. דער געהאָפּטער שליח פֿון דרויסן איז געקומען מיט דער הילף פֿון פּוילישן גלאָקנציער, נאָר דער ייִדישער יודען־עלטסטער האָט אים אַרויסגעגעבן די דייטשן.

אגב: ס׳איז שווער אָנצונעמען די הנחה, אַז אין די דאָרטיקע תּנאים וואָלט דער שליח געקאָנט עפּעס אויפֿטאָן. אָבער דעם מחבר איז מער געגאַנגען אינעם העראָישן סימבאָל פֿון ווידערשטאַנד, וואָס האָט געגליט אינעם ייִדישן מענטשן, טראָץ דער שווידערלעכער איזאָלירונג און איינזאַמקייט אין געטאָ.

נישט געווען קיין אָביעקטיווע באַדינגונגען פֿאַר אַן אויפֿשטאַנד, דערפֿאַר אָבער וויפֿל סוביעקטיווער ווילן און גרייטקייט אויף טויט, כּדי אויסצוקעמפֿן אַ געהעכטיקייט אין לעבן!

פֿון שטאַנדפּונקט פֿון מענטשן משפּט מען נישט די רעזולטאַטן נאָר די כּוונות און וועגן זיי זאָגט אויטענטישע עדות דער מחבר פֿון ראָמאַן.

ב. אַרישע שכנים

עס זיינען פֿאַראַן שרייבער, וואָס כּדי צו כאַראַקטעריזירן אַ סאָציאַלע גרופּע פֿירן זיי אַריין אין ווערק אַ גרויסע גאַלעריע פֿון געשטאַלטן, וויקלען פֿאַנאַנדער די געשעענישן אויף אַ ברייטן פֿאָן און איבערצייגן דעם לייענער דורך קוואַנטיטאַטיווע מיטלען, דורך כּמות. פֿאַראַן אָבער שרייבער, וואָס כאַראַקטעריזירן אַ גרופּע דורך פֿאַרטיפֿן איינציקע געשטאַלטן, וואָס רעפּרעזענטירן זי. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער צווייטער מעטאָד פֿאָדערט אַ גענויעם אָפּקלייב און אַ באַגאַבונג צו געפֿינען די עיקרדיקע שטריכן און ספּעציפֿישקייטן, וואָס דערלויבן אַז איין מענטש

זאָל ווערן אַ פּערסאָניפיקאַציע פון זיין סאָציאַלער, עטנישער, רעליגיעזער צי קולטורעלער גרופּע. אַזאַ טיפּ מוז ווערן פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט, זיינע רעאַגירונגען — אויפגעקלערט. די קוואַליטעט פון שילדערונג דאַרף באַפרידיקן די פאָדערונגען פון רעאַליזם, פון אָביעקטיוון היסטאָרישן אמת.

ישעיהו שפּיגל געהערט צום צווייטן טיפּ שרייבער. ווי אַ סקולפּטאָר מאָדעלירט ער זיינע פּערסאָנאַזשן, באַטראַכט זיי פון אַלע זייטן איידער ער נעמט אין האַנט זיין האַמער און דלאָטע. אַזוי פירט שפּיגל אַריין זיינע העלדן, וויזנדיק אונדז זיי פון ווייטנס, דערנענטערט זיי צו אונדז, אַנטפּלעקנדיק פאַר אונדז זייער עבר, זייערע געדאַנקען און געפילן, לאָזנדיק אונדז הערן זייערע מיינונגען וועגן אַקטועלע פּאַסירונגען, ביז זיי ווערן מיט אונדז אַזוי פאַרהיימישט, אַז דער איבערגאַנג צו אַקציע אין סיפור המעשה איז פאַר אונדז נישט קיין איבערראַשונג, נייערט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע האַנדלונג. מיר האָבן פון זיי עפּעס אַנדערש נישט דערוואַרט. די אַזוי גערופענע אַרישע זייט רעפּרעזענטירן ביי שפּיגלען פון איין זייט די משפחה קאַטשמאַרעק און פון דער צווייטער — דער גלאַקנציער ניקאָדעם זאַלוצקי און זיין פריינד דער פויער אַנטאָני.

די ברידער סטעפאַן, אַדאַם און זייער שוועסטער מאַרטאַ קאַטשמאַ־רעק, האָבן פאַר זייער לעבנס־דעוויז געהאַט דעם שפּרוך פון זייער פאָטער אויפן טויטן־בעט: „כדי אונדזערס אַ מענטש זאָל מאַכן אַ לעבן — דאַרף ער תמיד זיך האַלטן נאָענט ביי יידן". די קינדער האָבן פאַר־לאָזט די ערד, גענומען זיך צו מסחר און זייער קרעטשמע איז שטענדיק געווען פול מיט יידישע באַלעגאָלעס, דאַרף־מעקלערס, יידים־פאָרער אאַ"וו. די קאַטשמאַרעקס זיינען געווען קוני הכל און משא ומתן געמאַכט האָבן זיי דווקא מיט יידן.

ווען די דייטשן האָבן פאַרשלאָסן די יידן אין לאָדזשער געטאָ און די פּוילישע שכנים האָבן אויסגעוואַנדערט, האָבן די קאַטשמאַרעקס נישט פאַרלאָזט זייער הויז, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום געטאָ. נאָר אָנ־שטאָט צו האַנדלען מיט לעבעדיקע יידן האָבן זיי גענומען האַנדלען מיט יידישע זאַכן. אין זייער בוידעם־שטיבל זיינען געווען אָנגעהויפט יידישע

מלבושים, זיידענע שאַלן, קאָלירטע האַנטעכער, כלים, קרישטאָלן, לולקעס, טיי־טשייניקעס, זילבערוואַרג, שבת־לייכטער, חנוכה־לעמפּלעך, פּוטער־וואַרג. אַלץ ייִדיש האָב און גוטס.

די ברידער זיינען געווען געגוג פּיפּיק, כדי די דייטשע מאַכט זאָל זיי לאָזן צו רו. דאָרט ווו די ברידער האָבן זיך נישט געגעבן אַן עצה — האָט געפּועלט זייער שוועסטער...

פּאַר די קאַטשמאַרעקס איז געלט געווען דער איינציקער ציל פון זייער לעבן. זיי זיינען געווען גרייט צו דינען אַפילו דעם טייוול. און זיי האָבן עס געטאָן. גאָרנישט האָט אויפגעהאַלטן אַ קאַטשמאַרעק פון שפּיאָנירן דעם גלאָקנציִער און אים מסרן אַז ער באַהאַלט אויס אַ ייִדן, אַבי זיך איינצוקויפן דייטשע גינציקייט.

רייכטום איז געווען דער לייטמאָטיוו פון זייערע האַנדלונגען. בפרט נאָך, ווען עס קומט אָן אַזוי לייכט, ווי באַרויבן ייִדן, איז דער יצר־הרע זייער גרויס און ס'איז שווער זיך אַנטקעגן צו שטעלן.

האָבן זיך אָבער געפונען פּשוטע מענטשן, וואָס זייערע האַנדלונגען און טראַכטענישן זיינען געווען פון גאָר אַן אַנדערן מין.

אַנטאָני, דער פויער פון הינטער גלאָוונע, פירט פּאַר זיין פריינד, דעם גלאָקנציִער, קאַרטאָפל און קרויט. ער פאַרשטייט נישט פּאַר וואָס דער גלאָקנציִער ניקאָדעם זאַלוצקי ברויכט אַזוי פיל שפּייז, אָבער אַז זיין פריינד בעט אים, קאָן ער נישט אָפּזאָגן און לאָזט זיך איינער אַליין אין אַ געפערלעכן וועג אַריין.

אגב, פאָרנדיק אַזוי דערמאָנט ער זיך, ווי בעתן אויפשטעלן דאָס געטאָ, האָט קיין איין פויער פון דאָרף נישט געוואָלט פירן די ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט אַריבערפאָרן מיט זייערע משפחות אין גרעסערע שטעט. ער, אַנטאָני, איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַנדערש געהאַנדלט. „און ווי אַזוי האָט מען געקאָנט דעמאָלט אַנדערש טאָן?... אַז אַלע זיינען זיי געשטאַנען און געבראָכן די הענט — דאָס גאַנצע ייִדן־געסל... דייטשן מאַכן אַ געטאָ... אַז אונדזערע ייִדן וויינען — ווייסן זיי שוין פּאַר וואָס... און אַממייסטן טוט אים וויי וואָס אונדזערע מענטשן... אַפילו פרומע פויערים האָבן מיט אַ מאָל זיך אָפּגערוקט,

שטייען פון דער ווייטנס מיט די הענט אויף די באָקעס... אמת, מענטשן האָבן נישט גערן צו שטיין נאָענט פון אַן אומגליק. אָבער ווי קאָן מען דאָס שטיין אַזוי גלייכגילטיק און זיך צוקוקן? זיי בעטן דאָך בלויז, די זשידעס, אַ פּורמאַנקע... נאָר קיינער פון אונדזערע רירט זיך נישט פון אָרט, סוקינסינעס...

— צאָ פּראַוודאַ, טאָ פּראַוודאַ — טאַקע געווען גוטע און קלוגע שכנים, די זשידעס, נאָר ווער וויל דאָס אַוועקלייגן דעם קאָפּ? און ווען ס׳וואָלט געווען פאַרקערט — מיר גייען אין געטאָ אַריין נישט זיי, ווי וואָלטן זיי, די קלוגעטשקע, געטאָן? מיטגעגאַנגען?... (ז׳ 67־68).

די לעצטע פראַגע אין מויל פון ערלעכן גלייביקן קריסט, כאַראַק־טעריזירט דעם מחבר גופא, זיין שאַפערישע ערלעכקייט. ער מיידט נישט אויס קיין האַרבע קשיות.

אַנטאָני האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. זיין אויספיר איז:
„ס׳אַראַ פינצטערע וועלט ס׳איז געוואָרן!... ס׳אַראַ גיהנום אויף דער ערד...” (ז׳ 68).

אויך היינט טוט ער זיין מענטשלעכן חוב, ווי ער האָט עס געטאָן בעת די ייִדישע משפחה האָט אים געשטופּט צירונג פאַר שפּאַנען די פערד און ער האָט עס נישט געוואָלט נעמען. „און ווען מען זאָל אים עפענען אַלע אוצרות פון דער וועלט — וואָלט ער גענומען אַ שטויבעלע?” (ז׳ 68).

אַנטאָני קאָן נישט פאַרגעסן ווי אַזוי מאַשקאָווע, די קינדער אירע און צולעצט מאַשעק אַליין „פאַלט אויף אים אַרויף... און קושט אים די וואַנצן... עפּעס אַזאַ פייכטלעכער, וואַרעמער ייִדישער קוש... (ז׳ 70).

דער פויער פאַרענדיקט זיינע מעדיטאַציעס און באַטראַכטונגען מיט אַ תּפילה, אַז יעזוס זאָל זיי נעמען אין שוץ, ווען דער ייִדישער גאָט האָט זיי פאַרלאָזן.

ישעיהו שפּיגל קען דעם סוד פון שאַפן אַ טעמפּעראַטור פון האַרצי־קייט און אינטימקייט. ער רופט אַרויס די פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען און די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען. ער גיט אָבער איבער אויף אַזאַ אופן, אַז די שפּיציקסטע פאָרמולירונגען באַקומען אַ מילדן אויסדרוק, נישט פאַרלירנדיק זייער וואָגיקייט און ערנסטקייט. דער שרייבער ווייסט ווי

אַזוי צו זאָגן דעם ביטערסטן אמת, נישט אַרויסרופנדיק קיין אויפטרייס־לונג. די גרעסטע פאַרביטע־ונג ווערט אויפגענומען באהבה, ווייל זי רייצט נישט אויף. זי הערט אָבער נישט אויף צו מאָנען...

צי איז דען נישט די שאַרפסטע מאָנונג, וואָס באַגייט זיך אָן ווערטער, דער פאַקט אַז דער גלאָקנציִער ווערט עפנטלעך אויפגעהאָנגען צוליב אַ מסירה פון אַ קאַטשמאַרעק, אַז ער באַהאַלט אויס אַ יידן? אַז ע־ פאַר־שוועכט די רעליגיע?

דער זעלבער גלאָקנציִער האָט נישט איבערגעריסן זיין דינסט צו גאָט אין קירכעלע אויפן ראַנד פון געטאָ, הגם קיין גלייביקע פּאָלאַקן זיינען נישט געקומען מער טאָן תּפילה און נישט קיין גלח איז פאַר־בליבן אויפן אָרט. דער אַלטער ניקאָדעם איז געשילדערט ווי אַ הייליקער. זיין ערלעכקייט און טיפער גלויבן דיקטירן אים זיינע האַנד־לונגען: ער נעמט אויף אַ פרעמדן, אַ שליח פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס וויל זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ, כדי אָנצוקניפּן אַ קאָנ־טאַקט מיט דער גרופּע, וואָס וואַרט אויף אָנווייזונגען פון דרויסן.

זיין פריינד אַנטאָני, וואָס האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען נאָך וואָס ניקאָדעם ברויכט אַזוי פיל פּראָדוקטן, פרעגט אים, דעם גלאָקנציִער, צי ער ווייסט וואָס עס דראָט אים פאַר אויסבאַהאַלטן דעם פרעמדן.

„כ׳ווייס... צו זיבעציק איז לייכטער אַ מאַך צו טאָן אויף אַלץ מיט דער האַנט, נאָר נישט אויף דעם, וואָס הייסט געוויסן... און פאָטערלענ־דישע פליכט פון מענטש צו מענטש? און דאָס געוויסן פון אַן ערלעכן פּאָלאַק?... זעסט דאָס אייל־לעמפּל?...

— כ׳זע... ס׳וועט באַלד אויסגיין... דאָס קנייטל רויכערט זיך...

— „און אַז מע וועט צוגיסן אַ ביסל אייל, וואָס דעמאָלט, האַ? — דעמאָלט וועט גאָך ווערן ליכטיק, וואָס? איך און דו און טויזנטער אַנ־דערע... אַלע דאַרפן זען אַז דאָס לעמפּל זאָל נישט אויסגיין... אַז ס׳וועט אויסגיין — וועט די וועלט פאַרזינקען אין אייביקער פינצטערניש”... (ז׳ 91).

דער מחבר האָט דורך די געשטאַלטן פון די צוויי אַרישע גרופּעס

באַרירט די טיפסטע סטרונעס פון מענטשלעכן געוויסן און געוויסנ־לאַזיקייט.

קאַטשמאַרעק באַשולדיקט דעם אַלטן ניקאָדעם אין גאָט־לעסטערונג, ווייל שפּיאָנירנדיק האָט ער געפונען די פלאַשן פון הייליקן וויין אין קעלער, ווו דער פרעמדער האָט זיך אויפגעהאַלטן.

ס׳אַראַ פּאַראַדאָקס! קאַטשמאַרעק איז געוואָרן דער פּאַרטיידיקער פון קלעריקאַלער כשרות און דער פרומער, ערלעכער גלאָקנצ׳ער, וואָס האָט טיף באַנומען דעם תוך פון זיין רעליגיע, נישט בלויז איר אויסער־לעכע פאָרעם, מוז ווערן אַ קרבן, מחמת זיין געוויסנהאַפטער, מענטשלעכער האַנדלונג.

שפּיגל האָט אונדז דאָ געשילדערט אויפןביישפּיל פון די עטלעכע מענטשן צוויי באַציִונגען צו די זעלבע פּראָבלעמען: געלט און געוויסן. די קאַטשמאַרעקס יאָגן זיך נאָך דעם ערשטן, ווייל עס פעלט זיי דאָס צווייטע; אַנטאַני און ניקאָדעם ווילן נישט קיין פרעמדס, ווייל זייער געוויסן איז אומפּאַרדאָרבן.

אין דער שילדערונג פון מחבר וואַקסן זיי אויס צו סימבאָלן, בפרט דער גלאָקנצ׳ער, וועמענס טויט איז געווען אַ נאַטירלעכע לייזונג פון דעם דראַמאַטישן קאָנפליקט, וועגן וועלכן מיר האָבן אין אָנהייב גערעדט.

זיין גורל איז געווען אַ טראַגישער, אַ יידישער.

ג. ליבע אין אָנבליק פון טויט

אַ ראָמאַן אָן ליבע איז שווער זיך פאָרצושטעלן. עס וואָלט געפעלט אַ הויפּט־עלעמענט, וואָס גיט דעם ראָמאַן קאָליר און שטימונג, ליידנ־שאַפט און אינטערעס. איז דען אָבער מעגלעך אַ ליבע אין געטאָ, בעת מען קוקט אַרויס אויף פערדישע ביינער ווי אויף אַ זעלטענעם אוצר, כדי צו שטילן דעם פיזישן הונגער? ווען מען איז כסדר באַהערשט פון מורא־געפילן און דער טויט איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אַזוי געררו־פענעם לעבן?

הונגעריקע מענטשן מאָביליזי־ן זייערע אינסטינקטיווע כוחות צו באַקומען שפּייז, נישט ליבשאַפט. ווייל דאָס געפיל פון ליבע — נישט

געשלעכטלעכער אינסטינקט — איז אייגן פּאַר מענטשן, וואָס זיינען אין שטאַנד זיך צו דערהייבן צו אַלטרויזם, צו האָבן אין זין נישט בלויז דאָס שטילן פון אייגענע עלעמענטאַרע באַדערפענישן.

אַזעלכע מענטשן זיינען געווען אין די געטאָס, אין די טויט־לאַגערס, אין די וועלדער. מיר טרעפן זיי אויך אין די „פלאַמען פון דער ערד".

עס איז נישט קיין צופאַל וואָס גראָד די מענטשן פון קאַמף און גרייטקייט אויף קרבנות זיינען אויך געווען די, פאַר וועלכע ליבע — די איידלסטע, די סובלימירטע, — איז געווען אַ באַדערפעניש אין זייער פאַרצוימונג.

גיטעלע גיט זיך אָפּ מיט האַרץ אַ פרעמד קינד, ווען אירע עלטערן זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן און וועלן שוין נישט צוריקקומען. גיטעלען האָט באַהערשט נאָך אַ גרויסע, ערדישע פרייד.

„וויגדער... כ'על... כ'על באַלד זייגן דיינס אויך... זאָל נאָר אַדורכ־גיין דער זומער".

וויגדער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זי אָנגעקוקט. „ער האָט געזען, אַז אירע קליינע פאַקנגריבלעך איבערן פּנים זיינען געווען אָנגע־גאָסן מיט ליכט" (ז' 196).

צו אַזאַ פרייד זיינען געווען פעיִק די פּשוטע מענטשן, וואָס שפּיגל האָט אונדז געשילדערט מיט גרויס ליבשאַפט, מיט געוויסנהאַפטער ער־לעכקייט און פולקאָמענער מייסטערשאַפט.

דאָס בוך איז אַ דענקמאָל, געשריבן מיט בלוט, וואָס קאָן נישט רוען, אַפילו אין רוטאָג, ווי די וואַסערן פון סמבטיון. מיטן דאָזיקן ראָמאַן האָט זיך דער שרייבער אַוועקגעשטעלט אין דער פאָדערשטער ריי פון דער ייִדיש־ליטעראַטור.

ו

צווישן חורבן און ווידערגעבורט*

אַ טעות האָט דער, וואָס מיינט, אַז מיטן פאַרשווינדן פון היטלער־רעזשים האָבן זיך זיינע יידישע קרבנות באַפרייט פון געטאָ־קאָשמאַר און פונעם שווערן געשפענסטיקן שאָק.

די געטאָ איז געווען מער ווי אַן אַרומגעצוימטער געאָגראַפישער שטח; דאָס איז געווען אַ פיזישער און גייסטיקער קלימאַט, וואָס האָט אין משך פון יאָרן אויסגעפורעמט אַ ספּעציפישע מענטאַליטעט. ביי יעדן יחיד האָט זי באַקומען אַנדערע פאָרמען, אָפּהענגיק פון זיינע פסיכישע, גייסטיקע צי עמאָציאָנעלע פּרעדיספּאָזיציעס. אָבער דער אין געטאָ געשאַפענער גייסטיקער קאָמפּלעקס האָט זיך נישט געלאָזט באַזייטיקן אין איין אויגנבליק, ווען די פּאָליטישע אומשטענדן האָבן זיך געענדע־ט פאַר די קרבנות.

די לעבן־געבליבענע מענטשן האָבן נישט געקאָנט פאַרבלייבן אויף די אומגעהייערע בית־עלמינס פון זייערע אייראָפּעישע היימען. זיי האָבן געמיינט, אַז מיטן דערווייטערן זיך פון דער פיזישער געטאָ וועט מען פּטור ווערן אויך פון דער גייסטיקער מרה שחורה־אַטמאָספערע. משנה מקום — משנה מזל: און זיי האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

מיט זיי צוזאַמען איז מיטגעגאַנגען זייער קינסטלערישער וואָרט־זאָגער און דיכטערישער שליח־ציבור ישעיהו שפּיגל. ער האָט קלאָרער באַנומען און טיפער אַרויסגעפילט די קאָנפליקטן און גייסטיקע גע־

---

* „די בריק", נאָוועלן, י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, 1963, 346 זייטן. דערשיינט אויך בקרוב אין העברעיש אין פאַרלאַג „ספרית־הפועלים" אין דער איבערזעצונג פ׳ון נפתלי גינתון.

ראַנגלען, וואָס די מענטשן גייען אַנטקעגן, ווייל ער אַליין איז איינער פון זיי.

ער האָט פאַרשטאַנען די אומפאַרמיידלעכקייט פון אַדאַפּטירן זיך צו נייע באַדינגונגען אין זין פון שפּראַך, סביבה, לאַנדשאַפט, מענטשן, אאַ״וו. אויף וויפל שווערער האָט געמוזט צוגיין דער איינגלידערונג־פּראָצעס ביי די, וואָס זיינען געקומען פון אַ קוואַליטאַטיוו אַנדערער פּלאַנעט, פון אַ פּלאַנעט, ווו דער גרונטפּרינציפּ איז געווען רישעות, ארבע מיתות, פאַרברעכן. דער איבערגאַנג פון „מלכות געטאָ״ צו אַ ניי לעבן האָט געפאָדערט אַ פעסטע „בריק״, דורך וועלכער די ניצול־געוואָרענע זאָלן קאָנען אַדורכגיין און דערגרייכן דעם ציל. דאָס האָט אָבער נישט געקאָנט פאָרקומען אָן שווערע, מענטשלעכע שטרויכלונגען.

אָט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון געראַנגל און שטרויכלונגען בייט זיך ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ. מען זעט זיי, די חבלי־לידה פון צופּאַסונג אין שפּיגלס זאַמלונג פון זעכצן נאָוועלן, וואָס טראָגן דעם סימבאָלישן טיטל „די בריק״, וואָס מען דאַרף פאַרשטיין ווי אַ קרעדאָ פון מחבר, אַז דער ציל קאָן דערגרייכט ווערן.

דער באַגריף בריק ווערט מערערע מאָל דערמאָנט אין בוך און אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן אופן און אין אַן אַנדערן אַספּעקט.

לאָמיר אָנהייבן פון דער נאָוועלע, וועמענס טיטל איז געגעבן געוואָרן דער גאַנצער זאַמלונג. אַ גרופּע יידן בויט אַ בריק צווישן צוויי בערג. די יידן קומען פון פאַרשיידענע לענדער: דער „פּראָפעסאָר״ איז פון בולגאַריע. ער פילאָסאָפירט, טראַכט וועגן די „מעטאַמאָרפאָזעס״ פון רוימישן שרייבער אָווידיוס און מיינט, אַז מען דאַרף ווע־ן אַנדערש, דורכמאַכן אַ מעטאַמאָרפאָזע; דער מאַראָקאַנער טראָגט אַ געשטעל צו מעסטן פעלד־שטחים; דעם פּוילישן דערמאָנט עס אַ ביקס. בכלל קאָן דער פּוילישער ייד זיך נישט באַפרייען פון די אוישוויצער „לאַנד־שאַפטן״. דעם זעלבן טאָג קומט ער צו דער אַרבעט אַ פאַרשפּעטיקטער; ער ברענגט אַ פלאַש בראָנפן מכבד צו זיין זיינע חברים, ווייל זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ זון. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער קומט ער אום פון אַן אַראַבישער קויל. יאָ, ער גייט אַוועק. ער האָט אָבער געגעבן לעבן אַ נייעם

מענטשן. מיטן לאַטייניש דיכטער האָראַציוס מעג מען זאָגן: נאָן אָמניס מאָריאָר (אין גאַנצן אַוועקשטאַרבן וועל איך נישט).

אין דער זעלבער גרופּע אַרבעט נאָך אַ ייִד פון רומעניע און אַ תּימנער, פאַר וועלכן די זאַמדיקע ערד, אויף וועלכער זיי אַרבעטן איז ממש ווי גאָלד.

וואַרטנדיק אַזוי אויפן אַרבעט־לייטער אדון גיל קוקן די מענטשן אַריין אין אַ צייטונג פון „דאַרט", עס אינטערעסירט זיי צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין זייערע אַלטע היימען.

דער מחבר זאָגט: „די־אַ מענטשן — נײַ געקומענע, פרעמדע און הונגעריקע נאָך אַ היים — זענען אַלץ נאָך נישט דאָ... ווער ווייס, צי וועלן זיי דאָ אַ מאָל זיין. דערווייל זיצן זיי יעדן טאָג — צווישן זיך — איינזאַמע, פרעמדע, פאַרבויגענע. הונגעריקע שלינגען זיי די שורות פונעם אַלטן, טויטן צייטונגס־פּאַפּיר. אדון גיל האָט עס אָנגערופן: די פּאַפּירענע בריק... די אַלטע פּאַפּירענע בריק, וואָס פאַרבינדט זיי נאָך מיט די פאַר־לאָזטע, טויטע היימען" (342).

מיטן אַרויסזאָגן אַ ספק „צי וועלן זיי אַ מאָל דאָ זיין" האָט ישעיהו שפּיגל אַוועקגעשטעלט אַ פּראָבלעם און דערמיט אַקצענטירט די חשיבות זיינע, אָבער אויך זיין קאָמפּליצירטקייט.

איבער אַ פּאַפּירענער בריק האָבן די ייִדן געזאָלט קומען אין לאַנד אין משיחס צייטן, איצט גייען זייערע געדאַנקען צוריק אין יענע לענדער איבער דער דאָזיקער בריק. דאָס איז דער דור, וועמען עס באַגלייט ווי אַ שאָטן דאָס געשפּענסט פון אוישוויץ און די אימה פון געטאָ. אדון גיל טראַכט, אַז זיי אַלע „ווייסן אַפילו נישט, אַז זיי אַליין — זיינען אַ בריק... אַ בריק צווישן פונאַנדערגעטיילטע בערג... אַ בריק איבערן תּהום צווישן שבטים" (דאַרט).

די נאָוועלע „ירושה" פאַרדינט אַ מאָנאָגראַפיע צוליב איר בילדע־רישקייט, צוליבן טאָן פון קול דממה דקה, צוליב דער טיפער פאַרשטענ־דעניש פאַר אומפאַרשטענדלעכע סיטואַציעס און צוליב דער שטימונג פון גוטסקייט און מיטפילונג פאַר אַ מענטשן, צו וועמען „דער ים איז בעסער ווי די ערד" און דאָס ווינקל ביים ים „דערמאָנט מיך דאָס אַלץ...

אין יענער ערד... אין יענע יאָרן". (ז' 300). די ירושה שטעלט מיט זיך פּאָר אַ פּידל, וואָס בנימין האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּגעבן די דייטשן, נישט געקוקט אויף אַלע פּייניקונגען. אַגב, געפינען מיר דעם זעלבן מאָטיוו אין די „פּלאָמען פון דער ערד", ווו דאָס אויסבאַהאַלטן פון אַ פּידל איז אַן אַקט פון גבורה.

און ווייל „דער ים איז בעסער ווי די ערד... בין איך אַוועק צו אים... די ערד איז אַ בריק צו אַ צווייטן ברעג... אפשר איז דאָרט, אויף דער צווייטער זייט בריק, גאָט גנאָדיקער צום מענטש" (ז' 306). בנימין האָט נישט געהאַט גענוג כּוח צו פאַרבלייבן אויף דער זינדיקער ערד און קיין אַנדערער ווי נאָר שפּיגל איז מסוגל צו אַנטפּלעקן דעם נאָרמאַלן געדאַנקען־גאַנג ביי היפּער־עמפּינדלעכע מענטשן, ווי דאָס איז געווען בנימין, ווייל ער אַליין איז געווען דאָרט. אויך אים ציִען די ליידיקע, חרובע יפו־געסלעך „מחמת דעם, וואָס זיי האָבן מיך צוריק געפירט צו יענע טויטע, יידישע געטאָ־געסלעך, פון וואַנען דער גורל האָט מיך געפירט אַהער... אפשר איז פאַרוואָרפן אַ בריק פון יענעם פאַרזונקענעם טויטן־חלל ביזן שיינעם אויפוואַכנדיקן חלום דאָ ביים ים? אפשר פירט מיך אַן אומגעזעענע האַנט איבער דער בריק, כּדי נישט צו פאַלן אינעם תהום?" (294).

גאָר אַן אַנדערע בריק זעט מנחם אין דער נאָוועלע „די שבועה": „אַ בריק, וואָס צעטיילט דעם פאַרפּלאָנטערטן נעכטן פונעם אויפגייענדיקן טאָג. אין מיטן רוישט דער אייביקער ים. אָט שטייט ער, מנחם, אַ פּחד־לאָזער, אַ פאַרכּישופטער, לעבן דער בריק, ביים זוים פון אייביקן ים, ווו ס'פליסן אַריין אַלע האָפענונגען, אַלע טאָטן, באַפרייטע פון שרעק און געשפּענסטיקייט" (70). דאָס איז דער בעל־חלומות, דער אַנטוישטער אין דער שווערער ווירקלעכקייט, ווו „קיינער געדענקט נישט קיינעם... אַלע זענען זיי פאַרנומען נאָר מיט זיך", ווו אַלע זיינען טויב פון רעש און הו־האַ, ווו ס'פעלט שטילקייט. גראָד שטילקייט איז אַ וויכטיקער עלעמענט אין אונדזער לעבן. „אין שטילקייט הערט איין מענטש דעם צווייטן, אין שטילקייט זעט איין מענטש דעם צווייטן". (ז' 255).

יעדער פון די געקומענע אין ישראל איז קראַנק און דאַרף אַן אַנ־

דערע היילונג. דאָס לאַנד אָבער איז נישט בכוח צו באַפרידיקן אַלעמענס באַדערפענישן, שטילן אַלע באַגערן, רעאַליזירן יעדנס חלומות. שפיגל האָט דאָס גוט באַגריפן, האָט עס אָבער נישט געוואָלט, נישט געטאָרט פאַרשווייגן. דער חוב פון אַ קינסטלער איז צו שילדערן דאָס לעבן, ווי ער זעט עס, ווי ער פאַרשטייט עס, ווי ער פילט עס.

שפיגל האָט געזען די ליידן פון מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט באַלד, אָדער בכלל, אַריינפּאַסן אין די נייע באַדינגונגען און אָדער זיי ליידן, אָדער זיי גייען אונטער.

מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן פיל שרייבערישע דרייסטקייט און בירגערלעכע געוואַגטקייט אויף צו שילדערן די דאָזיקע טראַגישע גע־שטאַלטן, אַרויסגעשליידערטע מחוץ די קאָנווענציאָנעלע געזעלשאַפט־לעכע ראַמען. צו מאָלן די אָפּגעפרעמדקייט אין אייגענעם לאַנד מוז מען האָבן מוט, ווייל דאָס טוט וויי, ווייל דאָס פאַרשאַפט ליידן דעם מחבר אַליין, וועלכער זעט די לאַנגכוואַליעדיקע אויסווירקונג פון געטאָ. דער אמתער קינסטלער אין שפּיגלען האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער דעם געמיטלעכן, באַדאַכטן און הומאַניטאַרן מענטשן און אָנגעצייכנט אַ גאַלעריע טיפּן, וואָס פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דער ליטעראַטור, נישט בלויז אין דער יידישער.

צו די טראַגישסטע טיפּן געהערט גערטאַ פון דער נאָוועלע „דער רויטער זשאַקעט”. די אָנגעלאָדנקייט מיט דראַמאַטישע סיטואַציעס איז אין לשער, הגם דער ווערבאַלער לבוש איז אַ מילדער, די שפּראַך כמעט אַן אידילישע.

גערטאַ פיבאַך, אָדער „די מיטן רויטן זשאַקעט”, איז פון יוגאָסלאַוויע, ווו איר פאָטער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ ביר־ברויעריי, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזט פּראָג. „איר אויסזען איז געווען אַ ביסל אויסטערליש און אויך נישט אין גאַנצן יידישלעך”. אַ קאָנטראַסט צווישן איר „פאַרוועלקטן ווייבלעכן גוף” און אירע „פלאַטערנדיק־שמאָלע, דין־שיינע הענט, מיט לענגלעכע, מיידלשע פינגער, ווי זיי וואָלטן געהערט צו אַ צווייטן ווייבלעכן גוף” איז אַן אָנזאָג אויף אַ פעלנדיקער גלייכוואָג

אין איר וועזן. זי איז איזאָלירט פון אַרום, האָט נישט קיין מגע־משׂא מיט קיינעם פון די שכנים.

זי האָט אַ טעכטערל עממאַ, אַ געליימטע און די „טאַנטע קנאָלל". „דאָס איז געווען פאַר גערטאַן אַ וואָרעם און גוט געפיל צו האָבן וועמען אָנצורופן טאַנטע — אין די יאָרן פון פאַרלאָזנקייט" (281). דער דאָזיקער זאַץ רעדט מער וועגן גערטאַס איינזאַמקייט, ווי ווען עס זאָל ווערן דער־ציילט איר פּרטימדיקע ביאָגראַפיע. דאָס איז דער כּוח פון שפּיגלס פעיִקייט צו מאָלן מיט אַ פּאַסיקער פאַרב, מיט אַ פּאַסיק וואָרט אָדער מחשבה.

לעבן זייער צימער שטייען די מיסט־עמערס און די לופט איז דאָרט שטענדיק אָן עיפּושדיקע. אין הויף איז פאַרבליבן אָן איינזאַמער מאַראַנצן־בוים און צו דעם אָ בוים, בעת ער בליט, פירט די טאַנטע קנאָלל אַרויס עממאַן.

אין אַ געוויסן טאָג באַמערקט גערטאַ, אַז דאָס ב ויט האָט אַן אַנדערע פאָרעם ווי געוויינטלעך דאָס ברויט, וואָס מען פלעגט קויפן ביים „פּוי־לישן" בעקער. און דאָ הייבט זיך אָן די טראַגעדיע. די טאַנטע קנאָלל דערציילט וועגן איר צוזאַמענשטויס מיטן בעקער, וועלכער וויל איר מער קיין ברויט נישט פאַרקויפן. אַלע קליִענטקעס דראָען אים צו פאַר־לאָזן, אויב ער וועט אַריינלאָזן אין בעקעריי די טאַנטע קנאָלל. ער זאָגט, אַז גערטאַ איז אַ פּרוי, וואָס מען קאָן קויפן אויף יעדן ראָג.

מיר האָבן דאָ אַ קאָנפליקט מיט טיפע, סאָציאַלע וואָרצלען, אַ קאָנ־פליקט צווישן אַן איינזאַמער, אוממעכטיקער פרוי, וועלכע קאָן זיך אָרגאַניש נישט אַריינפּאַסן אין דער נייער געזעלשאַפט, מחמת איר דערציִונג, אירע איבערלעבונגען, איר שפּראַך... זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ סביבה פון מענטשן, וואָס האָבן צווישן זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך, זיינען פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, פאַרמאָגן אַ היים, אַ משפּחה־לעבן און באַציִען זיך מיט גלייכגילט צו אַ הילפלאָזן באַשעפעניש, וואָס טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט, איז אייביק באַזאָרגט צוליב איר קראַנק קינד, געפינט זיך אָבער מחוץ פון קאָנווענציאָנעלע איינשטעלונגען פון איר אַרום.

די טאַנטע קנאָלל דערציילט ווי זי האָט רעאַגירט: „איר, וואָס ווינט

לעבן מיסט, זייט מער מענטש פון אים... און פון אַ סך אַנדערע, וואָס וווינען אין סאַמע פּראָנט... אַז איר זעגט אַ מלאך...״

אַזוי אַרום האָט אויף זיין קינסטלערישן שטייגער שפּיגל אַנאַליזירט די סאָציאַלע שיכטן און איינצייטיק פאַרשאַרפט דעם דראַמאַטיזם פון דער סיטואַציע. און ווי אין יעדער דראַמע איז דער טויט פון העלד אַ נאַטיר־לעכע לייזונג פון קאָנפליקט.

ביי זיין אייגנאַרטיקער פעיִקייט און נייגונג אַריינצופירן אַן אָנגע־לאָדענע מיט שפּאַנונג אַטמאָספער מיידט שפּיגל אויס דראַסטישע סי־טואַציעס.

די טאַנטע קנאַלל דערוויסט זיך פון צוויי אומבאַקאַנטע מענער, אַז „גערטאַ פּיבאַך... איז היינט פאַר טאָג... געשטאָרבן אין שפּיטאָל... אַלע וועלן מיר שטאַרבן, טאַנטע קנאַלל... איינער פריִער — איינער שפּעטער... זי איז געשפּרונגען, די גערטאַ, פון פינפטן שטאָק... פון האָטעל־צימער... לעבן ים... אַזעלכע ענדיקן דאָך תמיד אַזוי...״ (291). אָט זעען מיר ווי אַפילו די טרוקענע ידיעה וועגן זעלבסטמאָרד ווערט אַזוי אונטערגע־טראָגן, אַז די שאַרפקייט פון דער בשׂורה ווערט פאַררונדיקט דורך אַן אַלגעמיינער באַטראַכטונג „אַלע וועלן מיר שטאַרבן״, אָבער דער סאָ־ציאַלער מאָטיוו שווימט אַרויס אין אַקצענטירן דאָס וואָרט „אַזעלכע״.

אין לעצטן בריוול, וואָס די אומבאַקאַנטע האָבן געבראַכט, איז גערעדט וועגן טאַנטע קנאַלל, וואָס איז פאַר איר געווען ווי אַ מאַמע. די טאַנטע וועט זי פאַרשטיין און מוחל זיין. מיר לייענען נאָך אַ בקשה: זאָל טאַנטע קנאַלל נישט פאַרגעסן עממאַן יעדן טאָג אַרויסצופירן אונטערן מאַראַנצן־בוים... און וועגן רויטן זשאַקעט: „טאַנטע קנאַלל וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן... אַ וואָרעם מלבושל פאַר דער קליינער...״

וויפל צאַרטקייט, זאָרג און ליבע אין די דאָזיקע ווערטער!

מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער דערציילונג, מחמת דער סיוזשעט אַליין איז אַ זעלטענער אין דער יידישער ליטע־ראַטור און כדי צו ווייזן שפּיגלס מייסטערשאַפט אין דערגרונטעוועון זיך צו מענטשלעכע ווערטן דאָרט, ווו עס פאַלט קיינעם נישט איין זיי צו זוכן. דריי דורות פון אומגליקלעכע פרויען שטרייכן נאָך מער אונטער

די רישעות, וואָס שטעקט אין די „קליינע מענטשעלעך". עס איז זיך שווער אָפּצורייסן פון דער דאָזיקער גאָוועלע, וואָס דערשיטערט מיט איר פשטות און דערוועקט געפילן פון באַדויער, רחמנות און רעוואָלט.

עס איז אוממעגלעך צו אַנאַליזירן אַלע גאָוועלן. יעדע פון זיי פאַר־מאָגט די זעלבע קינסטלערישע מעלות אָבער גאָר אַנדערע קאָנפליקטן.

אין די „מוראַשקעס" זיינען מיר עדות פון אַ קאָנפליקט צווישן על־טערן, נייע עולים, און זייער טאָכטער מיטן איידעם, אַ סאַברע. די אַל־טיטשקע לייט קאָנען נישט פאַרבלייבן מיט די יונגע אין איין וווינונג און די קינדער פירן זיי אַריבער אין צוויי שמאָלע, פאַרלאָזענע חדרימלעך אין אַ פאַבריק־געביידע.

דער פאָטער האָט דאָ נישט לאַנג געלעבט און ווען די מוטער האָט דערזען, אַז איר מאַן איז טויט, איז איר ערשטע רעאַקציע געווען: „קל־מן!!! ביי וועמען לאָזסטו מיך איבער, ביי וועמען?"

דער קאָנפליקט איז געווען אימאַנענט פון ערשטן מאָמענט: „אפשר זייערע לשונות — און אפשר גאָר די זקנימס אויסטערלישער הילוך: זייערע פוילישע מלבושים, זייער איבערגעשראָקן שווייגן און דאָס פלאַ־טערנדיקע, שעמעוודיקע שאַרן זיך ביי דער וואַנט... אַ מאָל... אַן אַלט רעפטל פאַרטריקנט ברויט, אַ מאָל אַ שטיקל ציבל. די אַלטע לייט פלעגן זאָרגפעליק און בגנבה אויפזאַמלען דאָס איבערבלייבעכץ פון טיש..."

אויסגעבראָכן איז ער, דער קאָנפליקט, צוליב די מוראַשקעס, וואָס זיינען אַרויסגעקראָכן פון רוסישן קויש מיט מיטגעבראַכטע זאַכן.

מיר האָבן דאָ דערמאָנט דעם לשונות־קאָנפליקט. דער סאַב־ע און די אייניקלעך האָבן פיינט יידיש. דאָס איז נישט קיין פאַראיינצלטער פאַל. די פּראָבלעם יידיש קומט אויף אַן אַנדערן אופן צום אויסדרוק אין „די שבועה".

מנחם, דער אידעאַליסט, קומט אויף אַ באַזוך צו דער משפּחה הר־זהב. עס עפנט אים די טיר אַ זקנה, פאַניס מוטער, און דערפרייט זיך מיטן גאַסט. זי וויל מיט אים „אַ ביסל שמועסן, טאַקע אויף יידיש"... „כ'על זיך אַ ביסל מחייה זיין, מיט אונדזערס אַ מענטשן ריידן יידיש... די טייוו־לאָנים... איר ווייסט, אַז די זשוליקלעך, זיי זאָלן געזונט זיין, האָבן פיינט,

אַז די באָבע רעדט יידיש? אַ מאָל כאַפּ איך נאָך אַ שמועס מיטן חלבן... אַן עולה פון באַראַנאָוויטש... אַז ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו ריידן אין הויז, רעד איך... איר ווייסט מיט וועמען? — מיט דער קאַץ רעד איך... די קאַץ פאַרשטייט יעדעס יידיש וואָרט!... אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן פאַר עמעצן צו עפענען ס'מויל... ניין?" (263).

און אַזוי גייט דער מאָנאָלאָג ווייטער ביז די אייניקלעך קומען.

ווי מיר זעען האָט דער מחבר נישט פאַרפעלט צו באַרירן אויך דעם שפּראַכן־ענין. פאַר אים איז דאָס נישט קיין פּאָליטישע פראַגע, נישט קיין פילאָלאָגיש פּראָבלעם, נייע־ט אַ ריין הומאַנער ענין: אַ מענטש האָט אַ באַדערפעניש צו ריידן אין זיין מוטערשפּראַך, אין וועל־כער ער דריקט צום בעסטן אויס זיינע געדאַנקען, סענטימענטן... צוריבן ביי אים די דאָזיקע מעגלעכקייט הייסט באַוווסטזיניק אים אַמפּוטירן אַן אבר. פאַר שפּיגלען, דעם דורכויסיקן הומאַניסט, איז די עוולה פון דער זקנה אַ נישט קלענערע ווי דאָס אומרעכט, וואָס איז געשען דער פרוי מיטן רויטן זשאַקעט.

ביידע נעמען זיי אויף זייער גורל מיט הכנעה, זיי זיינען צו שוואַך צו ווידערשפּעניקן און זיי פאַרמאָגן אין זיך אַ ים פון הייסע געפילן צו נאָענטע באַשעפענישן, וועלכע וואָלטן געליטן, ווען זיי גורטן אַן זייערע לענדן צו אַ קאַמף. דורך דעם קאָנטראַסט צווישן די שטאַרקע, וועלכע שטיצן זיך אויף אַ געזעלשאַפטלעכן כוח און די שוואַכע, איינזאַמע ראַנד־באַשעפענישן, וואָס ברענגען זיך ווי אַ קרבן אויס ליבע צו זייערע קינ־דער, אייניקלעך, — מאַכט דער מחבר נאָך מער בולט דעם מאָראַלישן כאַראַקטער פון די איינזאַמע און שוואַכע.

שפּיגל קוקט אין דער טיף און ציט אונדזער אויפמערק אויף דערשיי־נונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ישראל, וואָס מען מיידט אויס וועגן זיי צו ריידן אָדער וואָס מען באַמערקט נישט. אין דעם באַשטייט זיין גרויסער שרייבערישער פאַ־דינסט.

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו זאָגן, אַז ער קוקט אויפן לאַנד בלויז דורך טונקעלע אויגנגלעזער. ניין! ער זעט אויך דאָס פּאָזיטיווע. דאָס שיינע דאָרט, וווּ אַנדערע באַמערקן דאָס נישט, ווייל ער קוקט אין

וואָרצל, ער זוכט די מעלות אין פאָלק, אין די פשוטע מענטשן, פון וועל־כער עדה זיי זאָלן נישט זיין. צווישן די תימנער האָט ער געפונען באַ־שיידענע מענטשן מיט אָפענע הערצער, ביי וועלכע די גוטסקייט איז אַ נאַטירלעכע, אויסגעדריקט כמעט אָן ווערטער.

מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם תימנער „שמח בחלקו" פון דער נאָוועלע „די בריק". אַנדערע טיפּן, אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער, רינגלען אַרום מיט זאָרגעוודיקייט דעם אומגליקלעכן מיכאַיל גנעסאָוו („וואַנ־דע־ונג") און ברענגען אים צוריק צום לעבן אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט זיך געפונען פאַר אַן אָפּגרונט, גרייט זיך צו פאַראייניקן מיט זיין געפאַלענעם זון גבריאל.

ביז גאָר רירנדיק איז אַ גאַנצער תימנער יישוב, וואָס איז מקרב די „פרעמדע", די פוילישע פרוי, אַ נייער איינוואָנערין, מיט איר מאַן סטעפּאַן־שמואל.

די תימנער „דאַרע און טונקלהויטיקע מענטשעלעך, פלינקע און נידעריקע. זיי האָבן אַלע געהאַט דאַרע ייִנגלשע פּנימלעך, אַרומגעזוימטע מיט שוואַרצע, שיטערע בערדעלעך. זיי האָבן אויך געהאַט, די מענטשן, לאַנגע, געקרייזלטע פאות, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, בעת זיי האָבן געטראָגן דאָס געפּעק פונעם אויטאָ צו דער שוועל". (53)

זיי קומען אַליין העלפן איינאָרדענען די וווינונג, לאָזן נישט די שוואַנגערנדיקע פרוי מאַריאַ אויפהייבן אַן עמער. מאַריאַ האָט זייע־ע רייד נישט פאַרשטאַנען. און דאָך „די ווערטער פון דער פרעמדער, אַזעלכע ווייטע און אומפאַרשטענדלעכע, האָבן געטראָגן אין זיך עפּעס אַ פּלוצעמדיקע וואַרעמקייט"... „זי האָט אַזש געוואָלט וויינען, מאַריאַ, דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן — וויינען פון גוטסקייט און דאַנק־באַרקייט צו דעם אָ פרעמדן מענטשן". (55)

צי איז נישט דאָס די אמתדיקע „קליטה" פון די נייע עולים, וואָס שאַפט אַ היימישן קלימאַט און דערנענטערט מענטשן? ביי די תימנער אין שפּיגלס שילדערונג איז דער עצם פאַקט פון טראָגן אַ קינד אַן ענין פון קדושה — און אַזאַ פרוי שפּאַרט מען איין יעדן אָנשטרענג.

און מיט וועלכער צאַרטקייט און בילדערישקייט מאָלט שפּיגל די

שוואַנגערשאַפט, וועלכע פאַרגלייכן — איינפאַכע און טרעפלעכע! מיר לייענען ווי מאַריאַ לאָזט אַראָפּ „אירע בליקן צום בויך און אויף אים אַרויפגעלייגט אירע ברייטע, פויערישע הענט. זיי האָבן תיכף דערפילט (די הענט) אונטער זיך די גייענדיקע וואַרעמקייט פון דאָרט, ווי פון אַ יערנדיק, אויפגייענדיק ברויט" (54). אַזוי אַרום דערוויסן מיר זיך, אַגב אורחא, אַז מאַריאַ איז אַ פויערטע, אַ פרוי פון פאָלק און, נישט פאַרליי־קענענדיק דעם אייגענעם גלויבן, איז זי פול מיט פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע: זי בעט איר הייליקע מוטער זי זאָל זיין גנאָדיק צו איר און צו איר ייִדישן מאַן.

(דאָס איז נישט דער איינציקער פאַל פון שילדערן אַ נישט־ייִדישן טיפּ אין שפּיגלס ווערק. וועגן געוויסע פאָלאַקן און דייטשן איז אונדז שוין אויסגעקומען צו שרייבן. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז שפּיגלס דער־ציילונגען באַציִען זיך כמעט אויסשליסלעך צו דער עפּאָכע פון היטלערס ממשלה, איז אויפפאַלנדיק די קליינע צאָל דייטשן אין זיינע ווערק. איך קלער מיר אויף דעם ענין אויף אַזאַ אופן: שפּיגל איז אַ שרייבער, וועמענס פעדער איז געהייליקט צו מענטשן־ליבע, צו פריינדשאַפט, צו גוטסקייט. אויב זיינע דערציילונגען זיינען טרויעריק — איז עס מחמת דאָס לעבן פון זיינע פּערסאָנאַזשן איז אין אַ פּערמאַנענטער סכנה פון אונטערגאַנג. ער שרייבט מיטליידנדיק, באַזאָרגט. דאָרט, ווו ער געפינט הומאַניטאַרע מידות ביי דייטשן, ווי אין „קאַלציום", שטרייכט ער דאָס אונטער. וועלכע מידות טובות קאָן ער אָבער געפינען ביים בלויען דיסלדאָרפער („ירושה")? דעריבער שרייבט ער ווייניק וועגן זיי און אַפילו זייערע רציחות ווערן קוים דערמאָנט. מיר דערוויסן זיך פון זיי שוין לאחר המעשה דורך עפּעס אַ סימבאָל, אַן אָפּהילך פון אַ שאָס אאַ"וו).

מיר ווילן אָבער דאָ אַרויספירן אַ צווייטע פּוילישע פרוי פון דער נאָוועלע „כתר ישראל". זי האָט פיל ענלעכקייט צו מאַריאַ: טערעזאַ האָט אויך אַ ייִדישן מאַן מאַריאַן־משה. זי איז אַ גלייביקע קריסטין. איר מאַן איז מאָביליזירט און זי וויינט און בענקט איינע אַליין צווישן פרעמדע מענטשן, וועמענס שפּראַך זי פאַרשטייט נישט. אין יונגן שיכּון,

ווּ זי ווינט, געפינט זיך אַ ייִד אברהם־יצחק מיטן צונאָמען „די זשופּיצע”. ער לייגט איין וועלטן אויפצובויען אַ שול. ער גייט פון שטוב צו שטוב זאַמלען געלט און קומט אויך צו טערעזאַ. זי גיט אים איר גאַנץ זילבער־וואַרג: אַ לייכטער און אַ טעלער אויסגראַווירט מיט גישט־ייִדישע אותיות.

— „אַוודאי פון אַ תּיפלה... — האָבןביידע גבאים מיט דערשראָקענע ייִדישע פּנימער געקוקט אויף דער זשופּיצע... — מ׳עט דאַרפן פ־עגן אַ שאלה...”

— „מע דאַרף נישט פרעגן קיין שאלות, ייִדן!... — האָט די זשופּיצע געשאָקלט מיט דער באָרד, גלעטנדיק מיט איין האַנט דעם פרעמדן זיל־בערנעם טעלער — ס׳איז אַלץ כּשר... כּשר וישר... מ׳עט דאָס אַלץ נעמען — און איבערגיסן!... ס׳איז ריין זילבער... מ׳עט דעקן דעם דאַך... און פון דער רעשט געלט — מאַכן אַ כּתר פאַר אַ ספר תּירה... אַ קרוין! אַן אמתע, ייִדישע קרוין, כּתר ישׂראל!”

און ווען ס׳איז געקומען צו חנוכּת־הבית איז שוין מאַריאַן־משה גע־ווען צוריק פון דער מלחמה, אמת אַ פאַרווונדעטער, אָבער אַ לעבעדיקער. טערעזאַ האָט אים אויסגעבעטן ביי איר הייליקער מוטער דורך אַ נדר, וואָס זי האָט געטאָן, זייענדיק מקריב איר גאַנץ פאַרמעגן פאַר אַ ייִדי־שער שול.

מאַריאַן־משה און טערעזאַ זיינען געזעסן אין דער ערשטער ריי און „די זשופּיצע” האָט געווונטשן אויף פּויליש „מזל־טוב, פּאַני טערעזאַ!”. צווישן די פריידיקע אויסרופן האָט מען געקאָנט הערן:

„ייִדן, די ספרי־תּורה זיינען פון געטאָ!

— אַ קרוין! אַן אמת׳ע קרוין אויף דער ספר־תּורה!

— די קרוין איז פון דאַנען!... פון ישׂראל.

— ...די קרוין פון ניצחון!

— כּתר ישׂראל!”

טערעזאַ איז געזעסן און האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָ־ט פון דעם, וואָס קומט פאַר אַרום איר. זי האָט זיך אין געדאַנק געזען צווישן אייגענע אויף אַ הייליקער פּראָצעסיע, נאָר באַלד זיך אָנגעכאַפּט

פאַר דער הילצערנער קוליע פון איר מאַן. די קוליע איז געווען פייכט פון זיינע טרערן.

די פשוטע געשיכטע פון אויפבויען אַ שול איז פאַרוואַנדלט געוואָ־ן ביי שפּיגלען אין אַ געשיכטע פון עקומענישן כאַראַקטער, וואָס איז אויסגעדריקט מיט אַן עפּישער קראַפט און לירישער באַפאַרבונג. דער קלימאַט פון פאַרשטענדעניש צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע גלויבנס באַזייטיקט די איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן. די זעלבע כּלי איבערגע־גאָסן, קאָן דינען פאַר צוויי רעליגיעס, אַדאַנק דער ליבע פון אַ פּוי־לישער פרוי צו איר ייִדישן מאַן.

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די דאָזיקע פּראָבלעם איז ביזן היינטיקן טאָג איינע פון די אָנגעווייטיקסטע אין ישׂראל. מיט זיין שרייבערישן אינסטינקט האָט זי שפּיגל אַריינגענומען אין רייסטער פון די חבלי־לידה פון דער מדינה און זי אויסגעשטאַט אין אַלע מלבושים פון ליטעראַרישער פּראַכט.

אַזוי אַרום זעען מיר, ווי צוואַנציק יאָר נאָכן פאַלן פון די געטאָ־מויערן, זיינען זייערע פונדאַמענטן נאָך טיף איינגעגראָבן אין שפּיגלס וועזן, פון וואַנען זיי וועלן שוין קיין מאָל נישט פאַרשווינדן. פאַרן מחבר פּערזענלעך איז דאָס אפשר אַ קללה צו טראָגן אין זיך אַן אייביקן טרויער, גראָד ווי ער טראָגט אין זיך די ווייטיקן פון אוישוויצער גיהנום. ס׳איז אָבער קיין ספק נישט, אַז דער פאַרקאָנסערווירטער אין אים געטאָ־קלימאַט האָט באַרייכערט די ליטעראַטור מיט אָריגינעלע, אמתדיקע און ערלעכע שאַפונגען, וואָס האָבן זייער מחבר געקרוינט מיטן פאַרדינטן טיטל: דער זינגער פון ייִדישן טרויער — פון חורבן און ווידערגעבורט.

ז

אין פאַרפּישופטן קינדערלאַנד *

קיין איין בוך פון ישעיהו שפּיגל האָט נישט גורם געווען אַזוי פיל ספקות בנוגע דער קלאַסיפיקאַציע פון ליטעראַרישן מין ווי זיין ווערק „שטיגן צום הימל".

אין דער ווידמונג פאַר זיין „טעכטערל עווא, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין געטאָ" באַצייכנט דער מחבר אַליין די „שטיגן צום הימל" ווי „אַ בוך פון אויטאָביאָגראַפישער וואָר און דמיון". דורך דער דאָזיקער באַצייכענונג ווערן צעשטערט אַלע אָנגענומענע כּללים וועגן ליטעראַרישער צוגעהעריקייט.

„אויטאָביאָגראַפישע וואָר" — וויל זאָגן, אַז דאָס האָבן מיר צו טאָן מיט אַ בוך וועגן רעאַלע פּאַסירונגען אין לעבנסגאַנג פון שרייבער.

און „דמיון"? דאָ מישט זיך שוין אַריין די מוזע, דעם שרייבערס אינספּיראַציע און באַגייסטערונג און זיי דיקטירן די בילדער, פאַר־גלייכן, סיטואַציעס, וואָס זיינען ווייט פון רעאַליטעט.

צי איז דאָס אָבער אויך נישט קיין וואָר? דיכטערישע וואָר?

די „שטיגן צום הימל" פאַרמאָגן אָן אַ שיעור עלעמענטן, וואָס דער־לויבן אונדז צו באַטראַכטן דאָס בוך ווי אַ ראָמאַן.

דער פאַקט פון אַרויסרוקן דורכן מחבר דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט און דורכפלעכטן אים מיט עראָטישע, הגם זייער דיסקרעטע, ריינע און אומשולדיקע איבערלעבונגען; דאָס פאַראַנען־זיין פון אַ העלד,

---

* וועגן „שטיגן צום הימל", ראָמאַן, י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, 1966, ז. 329.
אויך דערשינען אין העברעיש, פאַרלאַג „עם־עובד" — ספריה לעם; איבער־זעצונג: א. ד. שפיר, 1970.

וועלכער טרעט אויף פון אָנהייב ביזן סוף און אַרום וועמען עס שפּילט זיך אָפּ דער גאַנצער סיפּור־המעשׂה; די ברייטע סאָציאַלע קאַנווע פון דער דערציילונג — אַלץ דאָס צוזאַמען און מעגלעך, אַז נאָך אַנדערע עלעמענטן, זאָגן עדות, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ ראָמאַן אין פולן זין פון וואָרט לויטן אָנגענומענעם קלאַסישן מוסטער.

עס דאַרף אונדז נישט וווּנדערן — וואָרעם אַ לעבן קאָן זיין אויך אַ ראָמאַן, פּונקט ווי אַ ראָמאַן שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן גופא.

אַלע אין בוך באַ־ירטע פּראָבלעמען זיינען אָפּט וויכטיק, אָבער אין אונדזער פאַל האָט דער מחבר, אַדאַנק זיין קינסטלערישער קראַפט, שאַפערישער פאַנטאַזיע און טיפן אַריינדרינגען אין דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע, אויפגעבויט אַ ליטעראַרישן בנין, וואָס איז איינציק אין זיין מין. מען האָט דעם איינדרוק, אַז פאַר אונדז געפינט זיך אַ ווערק פון אַ יאַנוש קאָרטשאַק, וועמענס טיפע קענטעניש פון דער קינדערשער נשמה האָט דיקטירט זיינע בעלעטריסטישע ווערק, ווי זיי וואָלטן געווען דערציילט פון די קינדער גופא.

בעת ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער נשמה פון קינד האָט ישעיהו שפּיגל אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייער שטאַ־קע אינטויציע, וואָס ווערט באַשטעטיקט דורך די אומצאָליקע פראַגן, ווי דאָס טוען די קינדער, כדי צו דערגיין די סודות פון דערוואַקסענע. פאַרן קינד איז אַלץ געווען ניי און די שאלות האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו באַקומען אויפקלערונגען מצד די דערוואַקסענע וועגן אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום אים.

און געטאָן האָט זיך זייער אַ סך.

פאַר אונדזערע אויגן וויקלט זיך פונאַנדער אַ פילם פון אַ גראַנדיעזער דלות־עפּאָפּעע, וועמענס „העלדן" עס זיינען די קנאַפּע דריי צענדליק קרובים און שכנים פון זיבן־יעריקן שאַיעלע. ווען מיר זאָלן קוקן מיט די זעלבע אויגן ווי דער פאַרחלומטער שאַיעלע, וואָלטן מיר געזען אַן אידיליש לעבן. ער איז, למשל, „געווען זייער צופרידן וואָס דער רעגן גייט דורך דער סטעליע. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַ רעגן זאָל פאַלן אין שטוב פונעם פולאָפּ און נישט פון הימל. אַראָפּפאַלנדיק פון דער הייך אין די אונטערגעשטעלטע טעפּ און שיסלען, האָבן די

רעגן־טראָפּנס אַרויסגעגעבן פון זיך אַ זעלטן־שיינעם פּליעסק. דאָס איז אָפּט מאָל געווען ענלעך צום פּישטש פון אַ פויגל, אָדער צום טרעלן פון אַ פייפל... ער האָט שוין אויסגעזען, דער פּולאָפּ, ווי אַ הימל, וואָס פּאַרציט זיך זומערצייט מיט שוועבנדיקע רעגן־וואָלקנס...״ (ז׳ 197).

אַזעלכע בילדער באַגעגענען מיר אין בוך אָן אַ שיעור. שאַיעלע זעט די שיינקייט פון געשעענישן בעת מיר באַקומען אַ בילד פון דלות, פון מאַטעריעלער ירידה, פון אַ מצב אָן אַן אויסוועג.

ווער זיינען די פּערסאָנאַזשן, וואָס רינגלען אַרום שאַיעלען? פון וואָס לעבן זיי? וועלכע זיינען זייערע פריידן, דאגות, מנהגים, גע־וווינהייטן?

זיין פאָטער משה און זיין מוטער שרה־גיטעלע וווינען מיט אים אין אַ פינצטערער שטוב, וואָס פאַרמאָגט בלויז איין בעט און אַנדערע אָרעמע מעבל. ווען די מוטער געפינט זיך אַ קראַנקע אין שפּיטאָל, קויפט דער פאָטער אַ וועבשטול און זאָגט דעם קינד, אַז „פון דער מיל וועט שוין זיין ב ר ו י ט״. פאַר שאַיעלען איז דאָס ממשותדיק אַ מיל.

ווען ער זיצט צוזאַמען מיט דעם שכנס טאָכטער אַלטעלע ביים אויפגעפראַלטן פענצטער און קוקט אַראָפּ אין ליקל „פון וואַנען ס׳שווימט אַרויף די אָנגעהיצטע וואַרעמע לופט פון דער קעגנאיבערדיקער וואַנט און פון דער באַהאַלטענער זון״, איז ווייט פון אים דער געדאַנק, אַז ער וווינט אין אַ שמאָל, פינצטער געסל און אַז אין זיין צימער שיינט קיין מאָל נישט אַריין אַ שטראַל פון דער זון.

זיין פאָטערס שוועסטער, די מומע אסתר, קומט איין אָוונט זיך אויסבאַהאַלטן: זי וויל אַראָפּוואַרפן דעם קייסער און דעריבער ווערט זי געזוכט דורך די זשאַנדאַרן. אין אַ פאַרזיגלטער שטוב פון שכן חיים־יוסף, וועלכער איז אַריבער וווינען אין הקדש מיט זיינע צוויי טעכטער זלאַטע און אַלטעלע, האָט זי דער פאָטער אויסבאַהאַלטן. די זשאַנדאַרן האָבן זי נישט געפונען, אָבער מיטגענומען די מומע ביילע, וועמענס מאַן, דער פעטער כאַסקל, דינט דעם קייסער. צו אסתרן ווייזט שאַיעלע אַרויס פאַרערונג און ליבשאַפט. ער געדענקט ווי די מומע ביילע פרעגט אסתרן צי זי וויל פוילן אויף קאַטאָרגע און דעם ענטפער אירן: „בעסער

פוילן איידער אַזאַ לעבן". אסתר האָט אים געגלעט און געזאָגט: „ווען דו וועסט אויסוואַקסן... וועט שוין ניקאָלאַי נישט זיין!... ס'וועט זיין ברויט... און פרייהייט... פאַר יעדן אַרבעטס־מאַן..."

פאַר טאָג איז דער פאָטער אַוועק מיט זיין שוועסטער און זי באַגלייט ביז צו דער גרענעץ, פאַר וואָס ער איז שפּעטער „געגאַנגען זיצן", און שאַיעלע האָט אַריבערגעוואַנדערט צום זיידן אַנטשל און צו דער באָבע איטע־בינע.

אין קינדס מוח וואַקסט אויס אַ רעטעניש, וואָס לאָזט אים נישט צו רו און אויף וועלכן ער באַקומט נישט קיין באַשייד: ווי אַזוי קאָן דאָס זיין די מומע אסתר זאָל וועלן אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, וועמען עס דינט דער פעטער כאַסקל?

ס'איז, אגב, נישט די איינציקע דילעמע, וואָס פייניקט שאַיעלען. אָט געפינט ער זיך ביים זיידן אַנטשל.

איידער ער איז אַהער געקומען האָט אים די מאַמע אָנגעזאָגט ער זאָל זיך פירן ווי אַ מענטש. אָבער דאָ, ביים זיידן אַנטשל, שטויסט ער זיך אָן אויפן פעטער פישל, זיין מאַמעס און כאַסקלס ברודער, וועלכער פירט אַריין צום זיידן אין שטוב אַ „כלה" רוכטשע. פישל זאָגט אים אויך, ער זאָל זיך אויפפירן ווי אַ מענטש, און נאָך דעם ווי שאַיעלע האָט אים נישט געשטערט ווען פישל האָט זיך פאַרמאַכט אין קעמערל מיט רוכטשען, גיט ער אים אפילו אַ שאָקאָלאַד. פישל גייט אַוועק און רוכטשע בלייבט הינטער דער קאַמערטיר אויף דער ראָגאָזשע, האַלב אויסגעטאָן. זי רופט אַריין שאַיעלען, פאַרפירט מיט אים אַ שמועס און טוליעט אים צו אירע בריסט. פאַרן אַוועקגיין זאָגט זי צו אים: „האָסט זיך אויפגעפירט ווי אַ מענטש... ווי אַ גאַנצער מענטש". צי איז נישט נאַטירלעך דער כאַאָס, וואָס שאַפט זיך אין מוח פון אַ קינד, וואָס וויל פאַרשטיין, ווי אַזוי פירט זיך אויף אַ מענטש.

מיט אַ צייט שפּעטער קומט אויס שאַיעלען צו זיין ביים זיידן שמואל פון לענטשיץ, דעם מקובל, וועלכער איז פאַרליבט אין וועלדער, הערט ביי זיך אין שטוב דאָס געזאַנג פון סאָלאָוויי און קאָן פאַרכישופן

מיט זיינע וואַלד־מעשׂיות אַזוי, אַז דאָס קינד פילט זיך ווי אין אַ וואַלדפּאַליי.

מיט אַ מאָל קומט צו פאָרן די מומע לאה, דער שטרויספויגל. איר פּירעכץ איז נישט צום האַרצן דעם זיידן און בכלל דער גאַנצער משפּחה. זי איז עקסצענטריש אין איר גאַנץ באַנעמען און גראָד דאָס געפעלט שאַיעלען, וועלכער פאַרשטייט נישט פאַר וואָס די באָבע און די מומע ביילע זאָגן, אַז זי איז מטמא די שטוב. אין אים, אין קינד, איז פאַר־בליבן דאָס פליסטערן צו אים: „זע, וואָס ס'איז פון מיר געוואָרן". (ז' 243).

די מוטער איז געווען אין שפּיטאָל, דער פאָטער אין תּפיסה. די מומע ביילע האָט אָוועקגעפירט אונדזער קליינעם העלד צום פעטער כּיל, דעם קברן. אויפן וועג האָט זי אָפּגעטראָטן אין איר ביידל הינטער אַ פּלויט אויף אַ פעלד, לעבן דער ציגעלניע. זי וווינט דאָרט מיט איר ברודער פייוויש, אַן עפּילעפּטיקער. פאַר אַ שטול דינט זיי אַ מאַראַנצן־קעסטל. ענדלעך פירט אים די מומע צום פעטער כּיל.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, פון אַלע הייזער, וואָס זיינען באַשריבן אין בוך, איז דאָס פרייל־עכסטע דאָס הויז אויפן בית־עולם, אָדער ווי שאַיעלע רופט עס: דאָס פעלד פון פאַרלאָשענע שטערן. דאָרט עסט מען צו דער זעט, די בית־עולם יידן האָבן אַ שטענדיקע פּרנסה און דער פעטער כּיל אַליין איז אַ פריילעכער און אַרבעטס־זאַמער מענטש. דאָ, אויפן בית־עולם, האָט זיך שאַיעלע אויפגעהערט צו פאָרכטן פאַרן טויט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב די בית־הקברות לייט זינגען מיט אַ הילכיקער פריילעכקייט, דאַרף ער נישט „מורא האָבן, פאַרן אָפּענעם שוואַרצן טויער, ווו ס'רוען און נידעריקן גראָז אַלע פאַרלאָשענע שטערן". (ז' 293). דאָ שפּרינגט פריילעך איבער די קברים זיין קוזינקע מינדל. זי האָט זיך אַפילו אַריינגעלייגט אין אַן אָפן קבר צוזאַמען מיט אים, אים אַרומגענומען, ווי אַמאָל זיין ערשטע „ליבע", אַלטעלע, און דערנאָך אויפגעשטאַנען „תּחית המתים". אָט דער דאָזיקער אָפּענער קבר איז געווען צוגעגרייט פאַר... אַלטעלען, וועלכע איז אויסגעגאַנגען אין הקדש און געקומען צו קבורה גראָד דעמאָלט,

ווען שאַיעלע איז געווען ביים פעטער כיל.

אַזוי האָט זיך געשלאָסן דער קרייז פון שאַיעלעס געפּילנוועלט; דאָס איז געווען זיין ערשטע גרויסע, טראַגישע ליבע, וואָס אין שפּאַנונג און אויפריכטיקייט טרעט זי נישט אָפּ פון דער ליבע פון דערוואַקסענע. ווען דאַזיקן ענין וואָלט מען געקאָנט פיל זיך דערוויסן ביי פרוידן, דאָס איז אָבער נישט אונדזער ציל. אונדז אינטערעסירן צוויי אַספּעקטן פון דאַזיקן ראָמאַן: ווי אַזוי זעט אונדזער העלד זיין אַרום און וועלכע ליטעראַריש־שפּראַכלעכע מיטלען באַנוצט דער מחבר?

דער יונגער שאַיע זעט די געשעענישן קאָנקרעט, אַזוי ווי זיי קומען פאָר; ער באַמערקט אַלץ און טיילט זיך מיט אונדז מיט זיינע אָבסערוואַציעס. צווישן אים און די דערוואַקסענע איז אָבער פאַראַן אַן אונטערשייד אין דער אינטערפּרעטאַציע פון די פּאַסירונגען.

ער באַשרייבט ווי זיין פאָטער נעמט אַרויס די זילבערנע שבת־לייכטער אין מיטן וואָך. ער פאַרשטייט אָבער נישט, אַז מען גייט זיי פאַרמשכּונען, כּדי די „מיל" זאָל קאָנען געבן ברויט. אַ צווייט מאָל זעען מיר אין קעלערשטוב, ביים וועבער־ייִד דעם שוואַרצן רחמיאל, וועמענס טאָכטער שיינדל הייבט אָן איר נאַכטאַרבעט מיטן געזאַנג: „אָ, גוטער פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן".

פאַר וואָס מוז שיינדל שטאַרבן, פרעגט זיך שאַיעלע, בעת זי הייבט אָן צו אַרבעטן און ווער איז דאָס דער גוטער פריינד, צו וועמען זי רעדט?

אַן אַנדערש מאָל זעט ער ווי דער שכן חיים יוסף ציילט מטבעות. אַלטעלע שעמט זיך שטאַרק וואָס איר פאָטער „שטייט" אין גאַס, לעבן דער שול. שאַיעלע האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס אַלטעלע שעמט זיך.

ערב שבת טראָגט די מאַמע אַ שיסל מיט קאַרטאָפל־שאַלעכטס, וואָס זי זאַמלט אַ גאַנצע וואָך, צום „קאַצאַפּ" און דערפאַר גיט ער איר ווייסן זאַמד אויף צו שיטן איבערן דיל. „נאָר איידער די מאַמע טראָגט אָפּ די שיסל... זוכט זי דאָרט מיט די פינגער אַ לאַנגע צייט. זי וואַרפט איבער די שאָלן אומצאָליקע מאָל אין דער הייך. איך ווייס נישט פאַר וואָס טוט זי דאָס אַזוי". (ז' 45).

ס׳איז אמת, שאַיעלע ווייסט נישט פאַר וואָס, אָבער ער האָט אונדז דערפאַר געגעבן אַ געגויעם באַגריף פון דער אָרעמקייט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט.

אַזוי געפינען מיר אומצאָליקע אָבסערוואַציעס און באַמערקונגען פון אונדזער העלד, וואָס גיבן הערלעכע באַשרייבונגען און לאָזן אונדז די פרייהייט פון אינטערפּרעטאַציע.

שאַיעלע אַליין גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון די אומפאַרשטייעדישן זיינע. ער ווייסט, אַז „די גרויסע רעדן תמיד סודותדיק צווישן זיך, כדי איך זאָל נישט פאַרשטיין... וואָסערע סודות באַהאַלטן זיי אויס, די גרויסע? זיי מיינען, אַז איך זע גאָרנישט און הער גאָרנישט״.

צו הילף שאַיעלען קומען זיינע פראַגן. דער פאַקט פון שטעלן פראַגן איז באַוווּסט אין דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז אַ באַווייז פון זייער אַנטוויקלונג, ווייל זיי באַגערן צו וויסן און פראַגן זענען דער מיטל צו דערגרייכן דעם ציל.

אין די „שטיגן צום הימל״ געפינען מיר פראַגן פון צוויי מינים: אַזעלכע, וואָס פאַרלאַנגען אַן אויפקלערונג און אַזעלכע, וואָס פאַרלאַנגען אַ באַשטעטיקונג.

צו די ערשטע פאַררעכן איך, למשל, אַ פראַגע: „ווו פאַרשווינדט די פינצטערניש בעת מען צינדט אָן אַ ליכט?״ (112).

בעת די מומע אסתר באַהאַלט זיך אויס, פרעגט שאַיעלע זיך אַליין: „וועך זוכט עס די מומע אסתר? צי גרויסע מענטשן, און נישט בלויז קינדער, זוכן אויכעט איינער דעם צווייטן ווי אין באַהעלטעגישן?״ (152) דאָ גייט אין וואָרט „זוכן״, וואָס איז אים אומפאַרשטענדלעך, פּונקט ווי ער פאַרשטייט נישט, פאַר וואָס דער טאַטע ברענגט די מאַמען פון שפּיטאָל. „צי קען זי אַליין נישט גיין?״ (40) דער קליינער פאַרשטייט אויך נישט, וואָס עס מיינט, אַז דער געלער דאָקטער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט (102) אַלטעלעס ברודער.

כמעט אויף יעדער זייט פון בוך טרעפן מיר אָן דעם מין פראַגן, אַ באַווייז אויף אַ דאָרשט צו וויסן אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום.

מער קאָנטעמפּלאַטיווער זיינען אָבער די מחשבות, וואָס דער

מחבר דריקט אויס אין דער אינטער־אָגאַטיווער פאָרעם, ווי ער וואָלט זוכן אַ באַשטעטיקונג פאַר זיינע טראַכטענישן. איך וועל ציטירן אַ פּאָר פון זיי, אָפּגעריסן פון קאָנטעקסט, כּדי נישט צו באַשווערן די אַרבעט מיט צו פיל סיפּור־המעשׂהס. „צי אַלע זאַכן אויף דער וועלט זיינען שיין און טראָגן פּישוף נאָר דעמאָלט, בעת מען דערוויטערט זיך פון זיי?״ (ז׳ 53); צי קאָן זי נישט, די מיל, געבן ברויט אָן געוויין, אָן סודות צווישן טאַטע־מאַמע?״ (ז׳ 84); „צי פליסט תּמיד די טרער פונעם האַרץ און נישט פון אויג?״ (ז׳ 112); „פאַר וואָס מוזן אַלע אַדורכגיין דאָס הויכע טויער [פון בית־עולם]? און וווהין גייען אַלע, ווען זיי גייען אַדורך דאָס טויער מיט די אויפגעהויבענע, שפּיציקע קראַטן? פאַר וואָס איז אַזוי פינצטער דער הימל אויף יענער זייט טויער?״ (284); „פאַר וואָס האָט די מומע ביילע געזאָגט, אַז אַלע, אַלע מענטשן זיינען פון ליים?״ (305).

דער כּוח פון שרייבער באַשטייט אין פאַקט, וואָס געוויינטלעכע פראַגן, וואָס דרינגען אַרויס פון טאָג־טעגלעכן לעבן, וואַקסן אויס צו סימבאָלן, צו וועלט־פּראָבלעמען, צו אַ פילאָסאָפישער מדרגה, צו אַ כּלל־ענין. עס וואָלט מיך נישט געוווּנדערט, ווען אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר באַנוצט די „שטיגן צום הימל״ ווי אַ שטודיר־מאַטעריאַל פאַר זיינע סטודענטן פון פילאָסאָפישן אָדער פעדאַגאָגישן פאַקולטעט.

מיט וועלכע מיטלען דערגרייכט ישעיהו שפּיגל די הויכע שטיגן, וואָס פאַרבינדן ליטעראַטור מיט וויסנשאַפט?

איידער מיר וועלן דאָ באַרירן דעם צווייטן אַספּעקט פון ראָמאַן: די ליטעראַריש־שפּראַכלעכע מיטלען פון מחבר, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די גרעסטע ראָלע שפּילט דאָ זיין פיינפילנדיקע, טיפע אינטויציע, וואָס דערלויבט אים זיך אַריינצולעבן אין דעם גייסטיקן און עמאָציאָנעלן מצב פון פערסאָנאַזשן אין יעדן עלטער. אויף וויפל מיר ריידן וועגן אַ קינד דאַרף אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט דער זכרון פון מחבר, וועלכער איז אין שטאַנד צו רעקאָנסטרויִרן פיל אויטענטישע סיטואַציעס, געבן זיי אַ באַשטימטע באַפאַרבונג מיט דער הילף פון די דערמאָנטע שוין ליטעראַריש־שפּראַכלעכע מיטלען.

אַ זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון ישעיהו שפּיגלס שאַפן איז דער אויסמייד פון ווערטער, וואָס רופן אַרויס נישט אָנגענעמע אָדער אומעסטעטישע אַסאָציאַציעס. ער באַשרייבט אויך נישט קיין דראַסטישע און נישט קיין שווידערלעכע געשעענישן. זיי ווערן פאַרטראַכטן דורך סצענעס, וואָס גיבן צו פאַרשטיין אין וואָס עס גייט, פאַרמאָגן אָבער נישט דעם נעגאַטיוון אויסקלאַנג.

מיר לייענען צ.ב. וועגן אויסטערלישע אַרבעטן, וואָס דער טאַטע פּלעגט קיין מאָל נישט טאָן און מיט אַ מאָל נעמט ער זיך צו זיי: ער צענעמט די שאַנק, די בעטן און „מיט אַ גרויסער, ווייסער, געגדזענער פעדער האָט ער געטונקט אין אַ טעצעלע און מיט איר געשמירט אַלע שפּאַרעס פון די בעטן און פון דער שאַנקטיר. אין שטוב־חלל איז געהאָנגען אַ רייסנדיקער גאַפּט־ריח, וואָס איז לאַנג געלעגן מיט זיין זיסלעכן טעם אויף מיין קינדישן גומען". (53). די באַשרייבונג וויל זאָגן, אַז דער פאָטער האָט אָפּגערייניקט די שטוב פון וואַנצן...

שאַיעלע גייט מיטן פעטער כיל פון דער מומעביילע צום בית־עולם „דורך ווייך־איינגעפאַלענע פעלדער און דורך שטאַרק פאַרשליי־מיקטע פינצטערע סטעזשקעס. איך האָב עס דערקענט אין מיינע לויזע, יינגלישע שיך, וואָס זיינען יעדע רגע געבליבן פאַרהאַלטן אין דער נידער פון עמעצנס פאַרכישופטע הענט". (278) די פאַרכישופטע הענט הייסן אויף פּראָסט ייִדיש: בלאָטע.

און אַזוי בלייען אויף די בלעטער פון דעם בוך, ווי פון מחברס אַנדערע ביכער, עאופעמיזמען, וואָס באַצירן מיט זייער ווייכער און וואַרעמער פאַרב די האַרטע, האַמעטנע און עקלדיקע רעאַליטעט.

דער פעטער כיל מיט שאַיעלען דערנענטערן זיך צום פעלד. „אָט איז שוין דאָס טויער — זאָגט דער פעטער — זעסט דאָס הויכע טויער? יעדער מענטש מוז אַדורכגיין דאָס הויכע טויער... יעדער מענטש" (ז' 283).

וואָס פאַר אַ הערלעכער מעטאַפער! דער פעטער כיל וויל נישט זאָגן, אַז יעדער מענטש מוז שטאַרבן, וואָס פאַרמאָגט אַ נעגאַטיוון

בייגעשמאַק. איז דען נישט שענער און בעסער אויסצודריקן זיך דורך אַ פּאָזיטיוון ניואַנס?

דאָס אויסמיידן פון קאַנטיקע פראַזן און שפּיציקע אויסדרוקן און דאָס אַריינהויכן אין זיי נשמהדיקע וואַרעמקייט איז נישט קיין צופאַל. ישעיהו שפּיגל, דער ערלעכער, אומגעפעלשטער הומאַניסט, ווייסט, אַז פאַרשאַפן אַ ווייטיק אַ נאָענטן קאָן מען נישט בלויז דורך פיזישע קלעפּ. אויך ווערטער און זשעסטן טוען וויי און רופן אַ־ויס עגמת־נפש. און על אחת כמה וכמה דאַרפן זיין אָפּגעהיטן די שרייבערס, וועמענס ווערטער און בילדער פאַרמאָגן אַ סוגעסטיוון כּוח און קריצן זיך איין טיף אין לייענערס מוח, איבערלאָזנדיק דאָרט זייערע אומפאַרגעסלעכע שפּורן.

ישעיהו שפּיגל וויל נישט פאַרווונדיקן זיינע לייענערס אַפילו מיט אַ וואָרט און ער לאָזט פריי אַ פעלד פאַר עסטעטישע איינדרוקן און פאַר עטישע עמאָציעס.

שפּיגל איז אַ גוטער פאָרט עטיסט. מיט עטלעכע שטריכן שילדערט ער אַ געשטאַלט. עס פעלט נאָר דער שם המפורש און דער מענטש זאָל זיך נעמען באַוועגן.

אין שילדערן האָט דער מחבר זיין אייגענעם מעטאָד: ער מאָלט נישט דורך ווערטער, וואָס האָבן זייער אָביעקטיוון ווערט, נאָר דורך טוונגען, אין וועלכע ער אַליין איז דער סוביעקט און דער אָביעקט. ער זאָגט צ. ב. וועגן דער מומע לאה, דעם שטרויספויגל, „מיט איר נאַקעטן, וואַרעמען אָרעם נעמט זי אַרום מיין דערשראָקענעם, פאַרקראַמפּטן האַלדז. מיין קעל ווערט הייס, גליטשיק פון איר ווייסן, שמעקעדיקן אָרעם. מיט אירע פינגער, קורצע און אַ ביסל דיקלעכע, באַזעצט מיט שימערנדיקע רינגלעך, קרייזלט זי מיינע האָר לעבן די שלייפן. איך זע, אַז דער שטרויספויגל האָט גראָד אַזעלכע אויגן ווי דער זיידע, דער מקובל... גרויסע, פויגלשע, אַ ביסל איבערגעשראָקענע״ (ז׳ 236).

מיר דערוויסן זיך דאָ, ווי אַזוי אירע הענט זעען אויס, וואָס זיי טוען, ווי אַזוי זיי לעבן און פילן און ווי אַזוי זיי ווירקן אויפן יונגיטשקן העלד אונדזערן. אונטער אירע וואַרעמע באַרירונגען און בליקן קומט

צום מחבר די וויזיע, אַז „דאָס איז גאָרנישט די מומע לאה, דאָס איז אַ פּאַרכישופטע, שיינע, גאַקעטע שדיכע, אַזאַ שטרויספויגל, וואָס איז פאַרפלויגן פון די ווייטסטע הימל־מקומות" (237).

אָט די וויזיאָנערישקייט איז אַ גרונטשטריך אין ישעיהו שפּיגלס בוך. ער גייט אַרויס פון קאָנקרעטע סיטואַציעס און בהדרגהדיק, אַדאַנק אַריינוועבן זיך אין זיי מיט האַרץ און מוח, זעט ער זייער עוואָלוציע, זייער אַנטוויקלונג און מעטאַמאָרפאָזע. ער קוקט צוריק צו זיינע זיבן יאָר און אַנטפּלעקט דאָרט פאַר אונדז די שליסלען צו זיין היינטיקער שאַפונג. איך וועל באַרירן בלויז אַ פּאָר מאָמענטן, וואָס קלערן אויף געוויסע שטריכן און טעמעס ביים שרייבער ישעיהו שפּיגל, אַזאַ ווי ער האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק.

מיר האָבן דערמאָנט דעם פעטער כיל. דאָס איז דאָך דער זעלבער, וואָס אין „דער ייִד פון בית־עולם", אַ מייסטערישע דערציילונג פון דער דייטשער אָקופּאַציע. דער פעטער קומט־אום ווי אַ העלד, דער־פילנדיק ביזן סוף זיין חוב, ווי אַ מענטש און ייִד.

ווען דאָס קינד געפינט זיך ביים זיידן שמואל, דעם מקובל, וועל־כער זאַמלט אין זיין שטוב האָלץ־קינדלעך פון פאַרשיידענע ביימער, וואָס פילן אָן די שטוב מיט וואַלד־ריחות, איז דאָס אַ פאָרבילד פון די שפּעטערדיקע געטאָ־דערציילונגען וועגן קינדער, וועלכע חלומען פון ביימער און קוויקן זיך מיט אַ שאָטן פון אַ בוים, וואָס קוקט אַריין דורך זייער פענצטער.

אַזוי לאָזט זיך אויסגעפינען נאָך מער קוואַלן צו דער שפּעטערדיקער שאַפונג פון שפּיגלען.

איך וויל זיך אָפּשטעלן נאָך אויף איין מאָמענט, וואָס וועט אונדז קלאָר מאַכן די ראָל פון ייִדיש, ווי אַן עלעמענט אין דעם מחברס דער־ציילונגען.

ער באַשרייבט זיינע באַזוכן אין קעלער־קליינטל ביי דאָבעלען, זייער שכנה. זי פלעגט אים מהנה זיין מיט אַ מאָן־בולקע. ער האָט זי פריער נישט איינגעביסן „ביז דאָבעלע פלעגט נישט מאַכן מיט מיר די ברכה. איך האָב פאַרשטאַנען די ברכה, וואָרעם נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגע־

זאָגט אַלץ... האָט נאָך דאָבעלע אַריינגעלייגט מיר אין מויל אַ פּאָר פּסוקים פון פּראָסט יידיש, וואָס האָט מיר קלאָרער געמאַכט די ברכה איבער דער שיינער, כּישופדיקער בולקע". (63).

אַן אַנדערע סצענע אין דאָזיקן בוך. די מומעביילע טראָגט אויפן האַרץ אַ בינטל ברייוו פון איר כאַסקלען. זי האָט זיי נישט געלייענט. ווען שאַיעלע געפינט זיך אין איר קעמערל ביי דער ציגעלניע, קומט צווישן זיי פּאָר אַזאַ דיאַלאָג:

— אַז 'עסט ווערן גרעסער, שאַיעלע... 'עסט אויפוואַקסן, מירצע־שעם — 'עסטו זיך אויסלערנען לייענען יידיש... גוט? דעמאָלט 'עסטו מיר איבערלייענען אַלע ברייוו פון פעטער כאַסקל, אַלע קאַרטלעך... גוט?

— יאָ, מומע ביילע...

— 'עסט נישט פאַרגעסן?

— ניין, מומע ביילע...

ווי מיר זעען איז יידיש די שפּראַך, צו וועלכער זיין באַציונג וואָרצלט אין די קינדער־יאָרן. דער אָפּקלאַנג פון דער דאָזיקער צוגע־בונדנקייט רופט זיך איבער מיט אַנדערע דערציילונגען פון די שפּע־טערדיקע יאָרן. געננוג צו דערמאָנען בלויז די נאָוועלע „די שבועה" אין דער זאַמלונג „די בריק".

אויסשעפּן די קינסטלערישע ווערטן פון דאָזיקן אויטאָביאָגראַפישן ווערק געמישט מיט דמיון איז נישט לייכט. מיר שטויסן זיך כּסדר אָן אויף עלעמענטן, וואָס וועקן אין אונדז בילדער, געפילן, רעפלעקסיעס, באַוווּנדערונג. מיר נעמען צ. ב. פאַרגלייכן:

דער דיל, אין שאַיעלעס שטוב, איז ערב שבת באַשאָטן מיט זאַמד און זעט אויס ווי ער זאָל זיין באַדעקט מיט אַ זילבערן טישטעך; (45) דאָס קנויטל פון נאַפט־לאָמפּ איז „אַ שמאָל צינגל צווישן קליינע געעפנטע ליפּן" (80); וויפל פאַנטאַזיע און אָבסערוויר־פעיקייט פאָדערט אַזאַ פאַרגלייך!

אויף דעם שטיקל וואַנט, ווו ס'האָט אַ מאָל געהאָנגען דער פּאָר־קויפטער, אָפּגעשטאָרבענער וואַנטזייגער, איז געבליבן אַ ליכטשאָטן. „מסתמא איז דער ליכטשאָטן אויף דער וואַנט די נשמה פונעם פאַרשווונ־

דענעם זייגער" (101). דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן מיט אַנימיסטישער גלייבונג, וואָס איז אייגן פּרימיטיווע פעלקער און מענטשן מיט פאַנ־טאַזיע.

אין דעם פּעטער פּישלס באַקן זיינען געזעסן צוויי טיפע שניטן „אַזוי ווי די פאַלדן ביי אַן איינגעקוועטשטער פּרי" (ז' 138).

פאַרן זיבן־יעריקן קינד איז די וועלט „אַ גאַר הויכע הילצערנע קאַמאַד, וואָס גרייכט ביז צום הימל, מיט אירע אומצאָליקע, פאַרשלאָ־סענע קליינע טירעלעך און שופלעדלעך. יעדעס מאָל עפנט זיך פאַר מיר אַ נייע טירעלע, ווו ס'זיינען פאַרבאָרגן די שענסטע אוצרות פאַר מיין אומרויִק ייִנגלש הערצל" (203).

דער דאָזיקער פאַרגלייך רופט אַרויס ביים מחבר רעפלעקסיעס. ער פרעגט זיך, וויפל טירעלעך זיינען נאָך פאַרשלאָסן און וועקט אַ האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך אַליין עפענען „ווי ס'עפנט זיך אַ בלעטל אויף אונדזערע פאַרלאָזטע, שיינע בלומענטעפּ אין דער היים". (דאָרט).

אין גאַנצן ראָמאַן פילט זיך אַ מין נאָסטאַלגיע, אַן אונטערהויטיקע הייסע בענקשאַפט.

דער מחבר באַנוצט אָפט דעם אַדיעקטיוו „פּוילישע": פּוילישער פראָסט, פּוילישע ביימער, פּוילישע שטערן, פּוילישע וואָנצעס... ווייל די פּוילישע לאַנדשאַפט האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זיין געמיט. מען קאָן פאַראַפראַזירן דעם זאָג: די לאַנדשאַפט — דאָס איז דער שרייבער.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיינע קינדער־יאָרן זיינען געווען שווערע, זעען מיר זיי אָבער מיט די אויגן פון קינד און דיכטער. מיר וואָגלען אַרום איבער די זייטן פון בוך ווי איבער ווייכע טעפּעכער אין אַ פאַרכישופטן שלאָס, ווו די טריט ווערן פאַרשטומט. די ליכט פון דרויסן טריפט אַריין דורך פאַרביקע וויטראַזשן און פאַרצויבערט מענטשן און זאַכן. אַלץ באַוועגלעכע שוועבט אין דער לופט ווי ס'וואָלט געווען באַשאָנקען מיט פליגל. דער מחבר אַליין זעט אין די קברים־בערגלעך נידעריקע שטיגן, וואָס הייבן זיך אַרויף מיטן באַרג־שיפּוע אַלץ העכער „ביז איך וועל אין אַלע מיינע ייִנגלשע פאַרהוילנקייטן, רעטענישן און פאַרבלענדענישן דערגרייכן מיט די שטיגן דעם הימל".

אַזוי פֿאַרענדיקט זיך דער ראָמאַן פֿון אַ באַלוטער קינד, וואָס האָט מיטן כּוח פֿון זיין וויזיאָנערישער אינטויִציע פֿאַרוואַנדלט זיין גרויע ווירקלעכקייט אין אַ צויבער־מעשׂהלע, וואָס איז באַהויכט מיט אַ דיכטערישן חן און דורכגעפֿלאָכטן מיט שטילער לעבנס־חכמה.

„שטיגן צום הימל" איז אַ ווערק, אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פֿון קינסטלערישער שיינקייט, פֿאַרחלומטקייט און מיט אַן עלעגישן רייץ, וואָס רעדט צו אונדזער האַרץ ביז אין די טיפֿענישן. און דערפֿאַר איז דאָס דאָזיקע בוך איינס פֿון די אָריגינעלסטע און זעלטענסטע פּראָזע־ביכער אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן.

ח

עסייען־מעדיטאַציעס
וועגן פאַרשטאָרבענע שרייבערס *

ישעיהו שפּיגל פאַרמאָגט אַ גייסטיקע עשירות, וואָס ער האָט ביז איצט איר געגעבן אַן אויסדרוק אין ליד און אין קינסטלערישער פּראָזע: דער־ציילונגען און ראָמאַנען. אין די צוויי גרונטפאָרמען פון שאַפערישער עקספּרעסיע איז אים געוואָרן צו ענג: די דיסטראַפּאָרץ צווישן דער אינעווייניקסטער וועלט פון מחבר און די מעגלעכקייטן זיי צו געבן אַ ליטעראַרישן תּיקון האָבן אים אויפגעצוווּנגען אַ נייע פאָרעם: דעם עסיי. דאָ איז ער נישט געבונדן דורך דער ריטמיק פון פערז און נישט דורך די געזעצן פון דער בעלעטריסטיק. דער עסיי, וואָס איז אין זיין מהות באַגרענעצט צו איין הויפּטטעמע, דערלויבט דעם שרייבער צו געניסן פון אַ פולער פרייהייט אויפצוקלערן אַלזייטיק און תּוכיק די פּראָבלעמען און שייכותן, וואָס באַציִען זיך צו דעם עיקר־מאָטיוו אָדער צו דער צענטראַ־לער פיגור פון עסיי.

ישעיהו שפּיגל האָט אויסגענוצט די דאָזיקע פרייהייט, אָבער נישט איבערגעכאַפּט די מאָס. אויף צוויי הונדערט פופציק זייטן האָט ער אַרויסגעפירט אַ גאַלעריע פון דרייסיק געשטאַלטן און וועגן זיי געזאָגט דאָס עיקרדיקע, וואָס האָט זיי כאַראַקטעריזירט. ער האָט אין דער דאָ־זיקער גאַלעריע געגעבן אַ בכּבודיקן פּלאַץ אַ זיבן־אַכט לאַנדסלייט זיינע, לאָדזשער, וואָס איז פאַרשטענדלעך ביי אַ שרייבער, וואָס אין זיין שאַפונג

---

* „געשטאַלטן און פּראָפילן״, ליטעראַרישע עסייען, ערשט בוך, פאַרלאַג המנורה, 1971 — 260 זייטן.

שפּילן די סענטימענטן אַ גרויסע ראָלע; און וואָס, אויב נישט די שטאָט פון דער קינדהייט און די סביבה פון יוגנט־יאָרן, איז מסוגל צו אינס־פּירירן אַזאַ שפּירעוודיקן שרייבער ווי ישעיהו שפּיגל, צו פאַרבינדן זכרונות מיט ליטעראַטור?

דורך די אונטערקעפּלעך צו די געשילדערטע געשטאַלטן און פּראָפילן האָט ישעיהו שפּיגל זיך אַליין באַגרענעצט. מען פילט אַז ער האָט צו זאָגן אַ סך מער ווי ער זאָגט, ער טוט עס אָבער נישט אין איצטיקן מאָמענט. לאָמיר נעמען אַ פּאָר אונטערקעפּלעך ווי אַ ביישפּיל פון מחברס קלאָרקייט און צילבאַוווסטזיין: „שלום־עליכם — אוטאָפּישער גורל און סטאַטישער העראָיזם“, „י. ל. פּרץ — דער כישוף פון אַ ניגון“, „ח. נ. ביאַליק — דער מעדיום פון צווייִשפּראַכיקן פּיוט“, „ה. לייוויק — די הומאַנע פּערזענלעכקייט“, „מאַני לייב — די צויבערפּלייט“, „שמואל ניגער — דער רשי פון דער יִדיש־ליטעראַטור“ אאַ״וו.

אַן אויבנאויפיקער אַריינבליק אין בוך איבערצייגט אונדז אין דער דורכגעטראַכטקייט פון אינהאַלט און אין דער פּילפּאַרביקייט פון געדאַנ־קען. דערביי פּאַרמעסט זיך י. שפּיגל אויף אַ גרעסער ווערק, ווי עס זאָגט אָן די באַצייכענונג „ערשט בוך“ אויפן שער־בלאַט.

אין וואָס באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פון די דאָזיקע עסייען?

ביי זיין גאַנצער עמאָציאָנעלער נאַטור, ביי זיין נייגונג צו פילאָסאָ־פישער פּאַרטיפונג פון די געשעענישן איז י. שפּיגל דורכויס אַן אינטע־לעקטואַליסט מיט אַ היסטאָרישן אויסבליק אויף דערשיינונגען פון קול־טור־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. ער האָט זיין היסטאָריאָסאָפישע אויס־טייטשונג פאַר פאַסירונגען און סאָציאַלע פענאָמענען, אַ סימן אַז ער שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד און פאַרשטייט ווי אַזוי אַריינצו־דרינגען אין פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן און אונדזער ליטעראַטור.

מיר נעמען דעם עסיי וועגן ביאַליקן. פאַר שפּיגלען איז ער אַ צוויי־שפּראַכיקער שאַפער אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. דאָ באַרירט שפּיגל די פּראָבלעם פון צווייִשפּראַכיקייט און ער מאַכט זיין אויספיר: „ביידע שפּראַכן זיינען בלויז איין־איינציקער טראַקט צו די זעלביקע

מקורות, וואָס האָבן געגערט, געדן און וועלן אויך נערן להבא דעם יידישן שאַפערישן מענטש".

מיר געפינען דאָ אין קורצע ווערטער אויסגעדריקט תמציתדיק אַ געדאַנק, וואָס האָט פון זינט עטלעכע דורות באַשעפטיקט יידישע וויסנ־שאַפטלערס, דענקערס, שרייבערס.

וועגן לייוויקן שרייבט שפיגל: „יעטוועדע שאַפונג איז פאַר אים אַ שלאַכטפעלד, ווו ריזן ראַנגלען זיך מיטן פאַטום און אויך מיטן יידישן גאָט פון נקמה און רחמים. מיט דער מאַגיק פון זיין וואָרט, זוכט ער צו דערקענען דעם זינען פון דער זינלאָזיקייט, דעם מענטשנס הימלפלי און זיין תהומיק זינקען. אַלץ באַקומט ביי לייוויקן די האַרמאָניע צווישן פאָעטישן חלום און דעם אמת פון זיין האַרצן. ער האָט נישט געטראָגן איין מאַסקע אין דער פאָעזיע און אַ צווייטע אין לעבן... אויף די פינגער זענען ביי אונדז צו ציילן פאָעטישע פערזענלעכקייטן פון אַזאַ מאָס און פון אַזאַ עטישער ריינקייט, ביי וועמען די פאָעטישע שליחות פאַלט זיך צונויף מיט הויכע מענטשלעכע מידות".

מיר וואָלטן געקאָנט אַרויסנעמען פון בוך מערערע ציטאַטן וועגן אַלגעמיינע היסטאָרישע, פסיכאָלאָגישע, ליטעראַרישע פּראָבלעמען, ווו דער מחבר שטעלט אַוועק קלאָר אַ פראַגע און געפינט אַ באַגרינדעטן, לאָגישן ענטפער.

די עסייען זיינען אַן אָפקלאַנג פון אַ גרויסער ערודיציע. ווען איך נעם פאַר אַ מוסטער דעם עסיי „יוסף אָפּאַטאָשו — קלאַסיקער און קינסט־לערישע מעטאָדן", געפין איך דאָרט ציטאַטן און מיינונגען פון גלאַט־שטיינען, ריוואָקינען, ניגערן, מוקדונין, אַשן, ט. ס. עליאָטן, פּרצן... די אַלע נעמען דינען אים ווי רעפערענצן צו זיין אייגענער מיינונג, „אַז די איינציקע קריטעריע פאַר אַ דויערהאַפטיקער, דורותדיקער עקסיסטענץ פאַרן שרייבערס יצירה איז תמיד דער סכום פון עמאָציעס, עסטעטיש־קינסטלערישע און עטישע, וואָס זיין שרייבערישער עזבון דערוועקט אין אונדז אויף ס'ניי נאָכן אָפּפלוס פון יאָרן".

פון זיין אייגענער מיינונג גייט דער מחבר איבער צו עליאָטס באַציי־כענונג פון קלאַסיקער, וואָס קאָן זיך באַווייזן „נאָר אין אַ רייפער ציווי־

ליזאַציע, בעת די שפּראַך און ליטעראַטור האָבן דערגרייכט צו אַ רייפ־קייט און זיין ווערק מוז אויך זיין די פּרוכט פון אַ רייפן גייסט. די גייס־טיקע רייפקייט פאָדערט אַ היסטאָרישן הינטערגרונט און געשיכטלעכן באַוווסטזיין".

צום סוף ציטירט שפּיגל יעקב פאַטס שמועסן מיט יידישע שרייבערס, ווו אָפּאַטאָשו רעדט וועגן דער יידישער געשיכטע, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט אַנדערע פעלקער, צווישן וועלכע יידן האָבן גע־וווינט. „אַזוי זענען מיר געווען אַ פאָלק אין דער וועלט, אַ וועלטפאָלק".

און שפּיגל פאַרענדיקט: „צי הערט זיך נישט דאָ די מחשבה־אידענ־טישקייט, וואָס ליגט אין גלאַטשטיינס אַוועקשטעלן אָפּאַטאָשון ווי אַ לאָגישן יורש פון די קלאַסיקערס?"

ווי מיר זעען, גרייט שפּיגל צו זיינע עסייען געוויסנדיק מיט דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט, וואָס ביי דעם איז אים אויך בייהילפיק זיין גוטער זכּרון און זיין ווייטער אויסבליק. מיר געפינען אָבער נאָך אַנדערע מעלות אין די עסייען פון מחבר. ער פאַרמאָגט אַן אָקעאַן פון באַגייסטערונג און ליבשאַפט פאַר די געשטאַלטן וואָס וועגן זיי שרייבט ער. מיר מערקן ביי אים אַ דרך־ארץ פאַרן שאַפערישן עלעמענט ביי יעדן שרייבער, ווען דאָס געשריבענע איז אַפילו נישט אויף אַ גאָר הויכן ניווֹאָ. ער געפינט אַן אויפקלערונג, למשל, פאַר וואָס די צוויי לאָדזשער: פּרץ אָפּאָטשינסקי און יוסף זעליקאָוויטש, וואָס „האָבן נישט פיל אַריינגעטראָגן אין דער ליטעראַטור" ביז 1939 און האָבן נישט געקאָנט איבערגעבן אין שיינעם וואָרט די געטאָ־געשעענישן. ער געפינט אויף דעם אַן אַסמכתּא ביי נאָוואַליס און אַנדערסען, וואָס איך וועל נישט ציטירן, כּדי נישט צו באַשווערן מיין עסיי, איך בין נאָר אויסן געווען אָנצווייזן, אַז דאָס וואָס שפּיגל דערציילט וועגן פאַראַלעלן גורל פון די צוויי יידישע שרייבערס, וועגן ענלעכקייט פון זייער לעבנסגאַנג, אַפילו אין געטאָ, ווו זיי זענען געווען אַרכיוויסטן, איז באַהויכט מיט פריינדשאַפט און ברידערשאַפט.

די אַלע דערמאָנטע אייגנשאַפטן פון מחבר ווערן בולטער אַדאַנק דער טעמפּעראַטור פון זיין שפּראַך, דער רייכקייט פון זיין לעקסיק און אוי־

סערגעווייִנטלעכער פֿעיִקייט אָנצוּווענדן זיי מיט טאַקט און עפֿעקט.

אויב אין באַשטימטע עסייען באַרירט ער בלויז איין אַספּעקט פֿון מחברס פּערזענלעכקייט, האָט ער אין עסיי וועגן י. י. טרונק מאָביליזירט זיין גאַנץ קינסטלעריש־עמאָציאָנעלן און גייסטיקן־מעדיטאַטיוון כּלי־זיין, כּדי אים אויפֿצושטעלן אַ מאָנומענט.

שוין דער אויסגעקליבענער מאָטאָ צום עסיי האָט אַ צווייפּאַכיקן באַ־טייט: ער כאַראַקטעריזירט טרונקן און... שפּיגלען אַליין. מיר לייענען די ווערטער פֿון טרונקס דער דובנער מגיד: „די ליבע צו מענטשן און דאָס רחמנות אויף זייער הילפֿלאָזן גורל איז דאָס העכסטע געבאָט פֿונעם עטישן מענטשן".

שפּיגל רעדט מיט נאָסטאַלגיע וועגן זיינע פּערזענלעכע טרעפֿונגען מיט טרונקן, ווען פֿון ערשטן מאָל האָט זיך „סודותדיק פֿאַרקנאָטן דאָס ליים פֿון גוטער מענטשלעכער באַציִונג און וואַרעמער פֿריינדשאַפֿט... וואָס האָט זיך געצויגן שאָטנלאָז ביז צו די לעצטע חדשים פֿון י. י. טרונקס לעבן".

עס וואָלט מיר געווען שווער איבערצוגעבן מיט מיינע ווערטער דעם קלימאַט פֿון זייערע באַציִונגען, וואָס ווערט אַזוי פּאָעטיש געמאָלן דורך שפּיגלען. וועל איך בלויז דערמאָנען, אַז אַחוץ די פּערזענלעכע זכרונות, לייענען מיר אויך און באַוווּנדערן ווי טיף דער מחבר איז אַריינגעדרונגען אין דער רייכער גייסטיקער וועלט פֿון טרונקן און ווי ער איז פֿון איר אַרויס בשלום. ווייל די וועלט פֿון טרונקן איז נישט געווען קיין געמיט־לעכע. קיין רויִקע. זי איז געווען „אַ שלאַכטפֿעלד, ווו ער האָט באַוווּסט־זיניק און פֿילגעשטאַלטיק געפֿירט זיין אומהיימלעכן, האַרטנעקיקן גע־ראַנגל מיט זיך, מיט אַלע בענקענישן און חלומות פֿון אַ מאָדערנעם שאַפֿערישן ייִדן און אומרויִקן, טיף־מעדיטירנדיקן גייסט".

אין דער אָ כאַראַקטעריסטיק האָט יעדעס וואָרט אַ באַטייט: באַזיי־טיקן אַ וואָרט הייסט אָרעמער מאַכן די וועלט פֿון טרונקן. זיין וועלט איז געווען אויסגעפֿילט מיט ספֿקות, אָבער אויך מיט גלויבן.

אויף אַן איבערצייגנדיקן אופֿן באַשרייבט שפּיגל ווי אַזוי טרונק,

וואָס זיין מוזע איז געווען פאַרקנסט צום ריינסטן אינטעלעקט און צו דער יידישער מעדיטאַטיווער מחשבה, ווי קאַפקאַ און ל. שאַפּיראָ, האָט נאָך אַ סך ביטערע לעבנס־נסיונות געפונען אין זיך דעם כּוח צו באַטרעטן אַ נייעם וועג צו יידיש־מענטשלעכער האַרמאָניע. ער האָט דערקענט דאָס ליכט פון לייטזעליקייט און קלוגער פילאָסאָפישער הכנעה און איז זיך מודה אַז „מען געפינט נישט די וועלט, אויב מען זוכט זי נישט אין זיך אַליין".

אָט די פילאָסאָפישע איינשטעלונג און די דיאַלעקטיק פון געשיכטע האָבן דערפירט דערצו, אַז ער איז „אַוועק פון זיין יחידישן גורל און זיך אונטערגעטונקען אינעם קאָלעקטיוון פאָלקס־גורל" און ערשט דאָ האָט ער דערגרייכט זיין אייגענע, באַפרייערישע דערקענטעניש.

שפּיגל רעדט אין זיין עסיי אויך וועגן טרונקס זוכענישן פון ליטעראַרישע פאָרמען, וואָס זאָלן זיין אין שטאַנד אויסצודריקן זיינע אידעען און ער קלערט אויף פאַר וואָס טרונק האָט באַשטימטע ווערק געשריבן אין דער אָדער אַנדערער פאָרעם. און באַנוצט האָט ער אַלע: פּערז, ראָמאַן, היסטאָרישע דערציילונגען, ליטעראַטור־קריטיק, פאָלקסטימלעכע מאָטיוון אאַ"וו.

שרייבנדיק וועגן בוך עסייען קאָן איך נישט פאַרבייגיין דעם עסיי וועגן עסייִסט שלמה ביקל — „אַנאַליטישע מחשבה און מאָראַלישע בענקשאַפט". מיר וועלן דאָ אפשר געפינען אַ שליסל צו די עסייען פון שפּיגלען גופא. ער קאָמענטירט ביקלס דעפיניציע פון עסיי ווי אַ „מעדיטאַטיווער איבערשמועס מיט זיך אַליין" און גיט צו אַז „דאָס איבערשמועסן מיט זיך אַליין איז נישט עפּעס אַנדערש ביי ש. ביקלען, ווי זיך דערגרונטעווען צו דער געמיט־אַטמאָספער פונעם באַהאַנדלטן ווערק, צו דער ריינקייט פון זיינע אידעען און די אָ געמיט־אַטמאָספער פון בעל־יצירה פאַרוועבן אינעם עסיי אויך מיטן אייגענעם שאַפערישן מעדיטאַטיוון געמיט".

ווי אַזוי באַנעמט שפּיגל ליטעראַטור־דערשיינונגען? ווי אַזוי בויט ער זיינע עסייען?

איידער שפיגל טרעט צו צו אַן אַנאַליז שאַפט ער שטימונג פאַר דער באַרירטער פּראָבלעם, אָדער אַ גינציקן קלימאַט פאַר דעם פּערזאָן וואָס וועגן איר גייט ער שרייבן. און טאָן טוט ער עס נישט מחמת ער ווייסט נישט ווי אַזוי צוצוטרעטן צום ענין. עס זיינען פאַראַן שרייבערס וואָס זיינען פאַרליבט אין דער פאַקטאָלאָגיע: זיי זאָגן אַרויס באַלד דעם עיקר און עס ווערט זיי לייכטער אויף דער נשמה. נישט צו דער קאַטעגאָריע שרייבערס געהערט ישעיהו שפיגל. ער איז אַ מענטש פון געמיט, פון שטימונג; זיין שרייבערישע טעמפּעראַטור איז אַ הויכע און זיינע פּערסאָנאַזשן זענען אים נאָענט און אייגן. ער באַדויערט וואָס ער דאַרף זיך מיט זיי שיידן און למעשה צעשיידט ער זיך נישט מיט זיי: זיי פאַרבלייבן אין זיין בענקשאַפט און זכּרון. דעריבער, איידער ער לאָזט זיי אַרויס אויף דער דרויסנדיקער וועלט, פאַרגרייט ער זיי אַ וואַרעמע אַטמאָספער, כּדי דער לייענער, וועלכער דאַרף אויפנעמען די געשטאַלטן, זאָל זיין פריינדלעך איינגעשטעלט און זאָל האָבן אַ פאַ־שטענדעניש פאַר דעם וואָס דאַרף קומען...

געגנוג איבערצולייענען די ערשטע שורות פון עסיי „שלום אַש — דער אָדלער פון פּוילישן מאַזאָוויע", אַז עס זאָל דערוואַכן אין אונדז אַ מיט־געפיל מיט דעם „אָדלער פון דער יידישער פּראָזע", וואָס צו זיין לוויה, אין אַ קילן פאַרנעפּלטן יולי־טאָג אין לאָנדאָן, זיינען געקומען בלויז אַכציק ייִדן פון די דריי הונדערט טויזנט, וואָס לאָנדאָן פאַרמאָגט.

הגם שפיגל איז געניי̇גט צו באַנוצן אַ סך ווערטער פאַר באַשריי־בונגען, געפינט ער אָבער די לאַקאָנישע פאָרעם פאַר עיקרדיקע פעסט־שטעלונגען, ווי למשל: „שלום עליכם... האָט מיטן כּוח פון יצירהדיקן וואָרט אונדז געוויזן דעם געראַנגל פון אוטאָפּישן ייִדן־גורל און דעם נצחון פון אַ באַפרייטן סטאַטישן העראָיזם", אָדער „י. ל. פּרץ — דאָס גרויסע ברענליכט פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישן שאַפונגס־גייסט" אד"גל.

שרייבנדיק און האָבנדיק קאָנקרעטן מאַטעריאַל אין קאָפּ, אימפּראָווי־זירט ער פון דעסטוועגן, ווייל ביי אים שרייבן אַן עסיי איז פּונקט אַזאַ שאַפערישער פּראָצעס ווי שרייבן אַ דערציילונג אָדער אַ ליד. זיין בליק

איז אַ ווייטער, ווייל ער פאַרמאָגט אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו.

כ׳קער זיך אום צו די קלימאַטישע אוווערטורן אין שפּיגלס עסייען און שטרייך אונטער זייער פאַרשיידנאַרטיקייט. אין עסיי וועגן קאַגאַנאָווסקין שאַפט שפּיגל דעם קלימאַט דורך אַ שמועס וועגן פריינדשאַפט, ווו ער פאַררופט זיך אויף ציצעראָס טראַקטאַט לעליוס איבער פריינדשאַפט און אויף געטעס שמועסן מיט עקערמאַנען; ער פאַרגעסט נישט דערביי דעם רמב״ם און אבן־עזרא, לויט וועלכע „פריינדשאַפט איז די העכסטע מתנה פאַרן מענטש״. די אַטמאָספער אין מאַסטבוים־עסיי דרינגט אַרויס פון מחברס מעדיטאַטיווע פאַרגלייכן איבער המשכדיקייט אין אַנדערע ליטעראַטורן און אין דער יידישער ליטעראַטור, ווו אַ מחברס „פאַרשטאַרבענע האַנט נעמט מיט זיך די פעדער״.

שפּיגלס מעלה ווי אַן עסייִסט באַשטימט אויך אין אַוועקשטעלן די יידישע ליטעראַטור אין איין ריי מיט די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער און אויף אַזאַ אופן באַפרייען זי פון אַ געטאָ, אין וועלכער זי איז געווען איינגעשלאָסן מחמת פאַרשיידענע סיבות. למשל, שלום־עליכם און מאַרק טוועך. דאָס וואָס ער שרייבט וועגן „סעם לענגאָרן קלעמענס, באַקאַנט אונטערן ליטעראַרישן וועלט־נאָמען מאַרק טוועך״ איז אַ פּועל־יוצא פון אַן ערנסטער שטודיע איבערן לעבן און שאַפן פון ביידע הומאָריסטן און פון אַ פּאַרטיפּטער מעדיטאַציע איבער זייערע שאַפערישע כוחות. „לאַמעד שאַפּיראָ — דער יידישער קאַפקאַ״ איז שוין אין טיטל אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט דעם שרייבער, וואָס זיין שאַפונג איז ערשט צענדליקער יאָרן נאָך זיין טויט געוואָרן אַנערקענט דורך דער קריטיק.

געשטאַלטן און פּראָפילן איז אַ בוך פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט: מיר געפינען אין אים אומדירעקט אויך די אויטאָביאָגראַפיע פון מחבר און אַן אָריגינעלע ליטעראַטור־טעאָריע. דאָרט, ווו דער מחבר שאַצט אָפּ שריפטן פון די „געשטאַלטן״, גיט ער אָן אייגענע באַגרינדונגען פאַר זיינע געדאַנקען. דאָרט ווידער, ווו ער ברענגט אַרויס זכרונות וועגן באַגעגענישן — דערציילט ער דאָך וועגן זיך אַליין. אַ כאַראַקטעריסטיק ווידער פון עמעצן איז גלייכצייטיק אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיך אַליין, ווייל זי ווייזט אונדז, וועלכע שטריכן ווערן געלויבט אָדער געטאַדלט.

אָפּט קומט מיר אויס צו געבן קאָנסולטאַציעס לייענערס, וואָס גרייטן דיסערטאַציעס אויף ייִדישע טעמעס. אויב איינער פון זיי וועט האָבן בדעה צו שרייבן אַן אַרבעט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, וועל איך אים אומבאַדינגט עצהנען צו שטודירן ישעיהו שפּיגלס עסייען, ווייל זיי זיינען אַ ווערק, וואָס פאַרמאָגט אָריגינאַליטעט פון באַנעמען, זעלבשטענדיקייט אין דענקען, וואַרעמקייט אין באַציִונג צו שאַפונג און אַ פאַר־כישופנדיקע שפּראַך, וואָס דאַרף ווערן אַ באַזונדערע טעמע פאַר אַ לינג־וויסטישער שטודיע.

דערשינען פון זעלבן מחבר

אַ יאָר אַרבעט פון דער „צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פוילן", לאָדזש, 1946 (פויליש).

קינדער־מאַרטיראָלאָגיע, בוענאָס איירעס, 1947.

צווישן פריינד, פּאַריז, 1953.

די פוילישע שול אין פּאַריז, וואַרשע, 1962 (פויליש).

קאָראָלענקאָ און די יידן, פּאַריז, 1971 (פראַנצייזיש).

איבערזעצט:

מ. ברסלאַבסקי: אַזאַ איז אונדזער לאַנד, פּאַריז, 1948.

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פאָעמע

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שניי
לידער און פאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יידיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכה חפץ טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד:
אַ פרעמדע וועלט * אין נײַעם לאַנד

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

NOÉ GRUSS

DES TÉNÉBRES Á LA LUMIÉRE

Isaie Spiegel et son oeuvre

Essais

Tel-Aviv, Israel-Buch, 1974